STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05011

DER VEG FUNEM FOYGL

Ziame Telessin

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Shim BenLev
in memory of
Anna Bender & Samuel Levy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זיאַמע טעלעסין

דער וועג פונעם פויגל

זיאַמע טעלעסין

דער וועג פֿונעם פֿויגל

פאר חיים שפילבערג
מיט א גרוס
ז. טעלעסין
21/V 1988

ארויסגעגעבן דורך דעם וועלטראַט
פֿאַר יידיש און יידישער קולטור, תל אביב

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישׂראל

תל-אביב תשמ״ח — 1988

Ziame Telessin
DER VEG FUNEM FOIGL

I. L. Peretz Publishing House
14, Brener St., Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשמ״ח
Printed in Israel 1988

דפוס ״שמגר 1986״, ת״א



דער קשיש

מע נעמט מיך רופן שוין קשיש.
אַ זקן כ׳זאָל שוין זײַן ?..
מע זעצט מיך אויבן אָן בײַם טיש
ווו הין איך בין אַרײַן.

די באַלעבאָסטע פונעם הויז
האָט זיך מיט מיר דערפרייט,
אין קיך אַרײַן, פון קיך אַרויס —
דעם טיש פאַר מיר זי גרייט.

אַ גלעזל וואַרעמס ווײַזט זיך גלײַך,
נאָר די פאַרבריִעכץ — בלייך.
ס׳איז שעדלעך שטאַרקע טײַ פאַר אײַך, —
זי גיט אַ זאָג מיר ווייך.

די צוקערניצע, כאַפּט מײַן אויג,
איז עטוואָס ווײַט פון מיר.
איך האָב געגעבן זיך אַ בויג
איבערן טיש צו איר...

— מיט צוקער טרינקען ? גאָט באַהיט ! —
איר זאָלט עס גאָר ניט טאָן !
זי רוקט מיר אונטער סוקראַזיט
און בייגעלער מיט מאָן.

די אײַנגעמאַכטס איז צונטער־רויט
אין שיסעלע אין פלאַכס...
— אין אײַער עלטער איז אַ טויט
אַזאַ מין אײַנגעמאַכטס!

און ס׳איז אַ ריידערײַ אַוועק, —
דער טיש האָט ניט גערוט,
פון דעם וואָס כ׳מעג ניט און וואָס כ׳מעג...
איך פיל, מיר ווערט ניט גוט.

איך הייב זיך אויף, איך שטעל זיך סטראָם,
אַרויס בין איך פון טיש.
איך גיי אַוועק מיט אַ שלום —
איך, דער „קשיש״.

בײַם כּנרת

די פּליושענע לאָנקע פֿון װײַטן מיך רופֿט.
אַװעקגעלײגט האָב איך זיך נאָזנדיק.
אַ װינטעלע לופֿטערט די װאַרעמע לופֿט
אַט שטאַרקער, אַט רויִקער בלאָזנדיק.

צופֿוסנס בײַ מיר, װי אַ טשערעדע שאָף,
צעװאָרפֿן אַ דאָרף װײַסשטײניקער.
צוקאָפּנס זיפֿצט אָפּ דער כּנרת פֿון שלאָף —
ער פּליעסקעט אַט מער און אַט װײניקער.

איך ליג מיט די אויגן צום הימל געװענדט
און קען זיך צו זאַט גאָר ניט אָנקוקן
אויף אַט אַ דעם אויסערגעװײנלעכן בלענד,
װאָס נעמט אויפֿן װאַסער זיך אָנרוקן.

דאָס װינטעלע אינעם פּאַרנאַכטיקן בלוי
אַנטלויפֿט אין די בערג בחיפּזונדיק.
און אײביקײט בײַ דעם כּנרת אַזוי
װאָלט איך דאָ געלעגן נאָזנדיק.

פּייזאַזש

אין קרית־ים צום ים בין איך געקומען
אין ים־הייזלער וואָס ציִען זיך ווי גומי
און אויפֿן קאָפּ — אַ טעמבלהוט פֿון כאַקי —
אַ הוט און הייזלער נאָר. כּמעט ווי נאַקעט.
אַ באָרוועסער, כ׳לייג דורך אין זאַמד אַ שטעגל.

די הויכע זון פֿאַר נחת אַזש זיך פֿרעגלט.
אַדורכגעשווומען איז אַ ווײַסער זעגל
און אַקוראַט אונטערן רעגן־בויגן, —
איבערן ים זי האָט אים אָנגעצויגן
ווי נאָר דער רעגן איז אַדורכגעגאַנגען.

דער האָריזאָנט מיט בלויקייט איז פֿאַרהאַנגען,
דער ים־פֿלאַך שעמערירט, קוים־קוים ער ציטערט,
ווי ס׳וואָלט אַ ריזן־שפּיגל זיך צעשפּליטערט...
פֿון דעם פּייזאַזש איך ווער פֿאַרכּישופֿט אַזש,
און פּאַס אַרײַן זיך אויך אין דעם פּייזאַזש.

אין עין־גדי

איך זיץ אויפן באַלקאָנדל,
אין שטוב רוט אָפּ מײַן פּען.
אַזאַ מין טאָג אַ בלאָנדן
האָב איך נאָך ניט געזען!

אַזוי דאָ זאָרגלאָז זיצן
אַן אייביקייט דו קאָנסט...
די נחתדיקע היצן
מײַן לײַב האָבן פאַרבראָנדזט.

איך זע ווי שײַנדלער טאַנצן,
ווי שטראַל מיט שטראַל זיך קרייצט.
דער דרויסן איז אין גאַנצן
מיט ליכטיקייט פאַרפלייצט.

און נאָר די פעלדזנשפּאַלטן
מיט נעפּל זײַנען פול.
די צײַט האָט זיך פאַרהאַלטן
דאָ בײַ מײַן שאָקלשטול.

די אויגן אָט איך עפן,
און אָט איך מאַך זיי צו.
אַ שײַנענדיקע שפּע
פון שלוודיקער רו...

אַ לאָרך האָט זיך צעזונגען —
אַ גלעקעלע אַ העלס,
אַ טור אַרויפגעשפּרונגען
איז אויפן שפּיץ פון פעלדז.

ער גיט אַ לאָז אַראָפּעט
זײַן הערנערדיקן קאָפּ,
און פּלוצעם נעמט ער קאָפּען
די שטיינדלעך אויף אַראָפּ...

דערנאָך, דעם קאָפּ פאַרריסן,
און איז געבליבן שטיין
אַזוי אַ היפּשע ביסל,
ווי אויסגעהאַקט פון שטיין.

פעברואַר 1985

לויטן לוח

אַזאַ מחיהדיקער זומערדיקער וועטער!
אויפֿן באַרג אַ סטאַדע שעפּסן קלעטערט.

קיין זכר שוין ניטאָ פֿון די חמסינען.
די שײַן פֿון הימל איז אַ בלווילעך־גרינע.

אין אָט דער אונטערהימלדיקער רחבות
פֿליט אַן אָדלער מיט דער זון אונטער די פּאַכוועס.

דאָרט, אויף די בייגעוודיקע צווײַגן פֿון פּרדסים
אַ געשאָרך פֿון גרינע בלעטער הייסע.

אַ פֿרישינק ווינטעלע אי גלעט, אי מינטערט.
כאָטש לויטן לוח איז שוין ערב ווינטער.

ווי ניט בײַ קיינעם

עס איז אײַך אויסגעקומען וועגן
אַזאַ מין מאָדנע זאַך צו זען:
אַ שנייעלע שיט,
אַ פייגעלע פליט,
אַ ביימעלע בליט
מיט אַ ראָזן צוויט, —
אַלץ אין איינעם!

אויף אַט דעם חידוש קוקסט און שטוינסט.
ווי איז עס מעגלעך גאָר אַזוינס:
אַ שנייעלע שיט,
אַ פייגעלע פליט,
אַ ביימעלע בליט
מיט אַ ראָזן צוויט, —
אַלץ אין איינעם!

און ווער האָט מזל נאָך געהאַט
צו זען, ווי איך, אין ט״ו בשבט:

אַ שנייעלע שיט,
אַ פייגעלע פליט,
אַ ביימעלע בליט
מיט אַ ראָזן צוויט, —
אַלץ אין איינעם!

ס׳איז נאָר בײַ אונדז
און ניט בײַ קיינעם.

18טן פעברואַר 1982

פאַר נאַכט אויף אונדזער גאַס

פון דעם אונטערבאַרגיקן ליכטיקן הויז
צוויי עלטערע ייִדענעס גייען אַרויס.

די פענצטער אויף מעריב מיט רויטקייט פאַרגלאָזט.
די היץ איז געפאַלן, אַ ווינטעלע בלאָזט.

זיי זעצן זיך אויס אויף די טרעפּלעך בײַם שוועל,
אַ טונקעלע איינע, די צווייטע איז העל.

ס׳איז איינע פון קעשעניעוו, צי פון אָדעס,
די צווייטע איז פון קאַסאַבלאַנקאַ, צי פעס.

און ממש צום שטאַרבן אַ רעד טאָן זיך וויל.
ווי קען מען דען זיצן אַזוי אין דער שטיל?

די רויטקייט פון הימל זיך טוט אַ פאַרמעק.
זיי קוקן צום באַרג ווי דער טאָג גייט אַוועק...

אָט קומען צו לויפן פאַרסאָפּעט צו זיי
צוויי אייניקלעך מיט אַ התפעלות־געשריי.

הײַנט אָנקוקן וואָלט איר די באָבעס באַדאַרפט,
ווי יעדע צום אייניקל אירן זיך וואַרפט...

אַ וואָרט אויף עברית און אַ וואָרט אויף דער שפּראַך
פון זייערע ווײַטע מקומות געבראַכט.

נאָר נימאס די קינדער ווערט שטיין אויף אַן אָרט,
זיי גליטשן אַרויס פון די אָרעמס זיך פאָרט.

אָט שפּילן זיי ווײַטער מיט עטלעכע טריט,
און ס׳קלינגט אין די אויערן זייער עברית.

קיין לשון קיין אַנדערן ווייסן זיי ניט,
קיין לשון קיין אַנדערןריידן זיי ניט.

תּירס

אויפֿן ראָג, אין אַ זײַטיק געסל,
(איך דערשפּיר עס!)
אין אַ מעשענעם קעסל
קאָכט אַ ייִד תּירס.

פֿאַר די וואָס זיי ווייסן ניט, מוז איך
דערקלערן — אַזוי און אַזוי, —
תּירס — דאָס איז קוקורודזע,
פּשאָנקע, קייאַך, פּאַפּשוי.

דאָס וואַסער אין קעסל טוט זידן,
די פּאַרע שלאָגט אין דער הויך...
אַ תּירס איך קויף בײַ דעם ייִדן.
ווי אַלע, כ'פּאָסמאַקעווע אויך.

עס טאָגט

עס טאָגט! אַזאַ מין פריידיקע
דערשיינונג מיר פאַרמאָגן!
אין הימלען ערשט נאָך ליידיקע
די פייגלען שוין זיך טראָגן,
עס נעמט די זון באַווייַזן זיך
און גלייַך הייבט אָן צו טאָגן.

עס טאָגט! פון שייַן אַ שפע איז.
אין אַלע עקן ליכטיק.
אַ יעטווידע באַשעפעניש
ווערט לעבעדיק און טיכטיק.
ס'אַ קלייניקייט? — אַ וועלט וואַכט אויף! —
דאָס איז דאָך זייער וויכטיק!

עס טאָגט! זיך נעמען פעדערן
די פייגל, חיות, מענטשן.
אין וואַלד די צווייַגן טוען אויס
די נעפּלדיקע הענטשן,
דער זונאויפגאַנג קומט יעדערן
דערמוטיקן און בענטשן.

אַלטע זאַ־כין

אַ שוואַרצינק ייִנגעלע פֿון אַ יאָר נײַן
שטייט אויפֿן טראַטואַר און הערט זיך אײַן
ווי אַן אַראַבער האָט זיך מיט אַ מאָל
צעשריגן מיט אַ ניגון אויף אַ קול:
— אַלטע זאַ־כין, אַלטע זאַ־כין!

איך מאַך זיך תּמעוואַטע, כ׳טו אַ פֿרעג
בײַם ייִנגעלע וואָס שטייט דאָ אויפֿן וועג:
— וואָס שרײַט אַזוי דער מענטש אין מיטן גאַס,
צי שרײַט ער אין אַ שפּאַס, צי גאָר פֿון כּעס?
און וואָס באַדײַטן זיי, די ווערטער צוויי —
וואָס ער ברענגט אַרויס צוזאַמען זיי:
״אַלטע זאַ־כין, אַלטע זאַ־כין״!

דאָס ייִנגל שטויסט זיך אָן לויט מײַן עבֿרית —
כ׳בין אַן עולה און ווייס נאָך גאָרנישט ניט.
און ער דערקלערט מיר גערן דעם באַדײַט,
ווער איז דער מענטש און אויך פֿאַר וואָס ער שרײַט
״אַלטע זאַ־כין, אַלטע זאַ־כין״.

כ׳האָב אויסגעהערט אים און איך פֿרעג אים ווײַטער:
— זאָג, ייִנגעלע, אויף וועלכן לשון שרײַט ער?
— וואָס הייסט, אויף וועלכן? ס׳איז אַ קלאָרע זאַך,
ער איז דאָך אַן אַראַבער, שרײַט ער אויף זײַן שפּראַך —
״אַלטע זאַ־כין, אַלטע זאַ־כין!״

אָקטאָבער 1980

דער גרודניק

עס זיצט לעבן מיר ניט קיין יונגער שוין ייִד —
דעם קאָפּ אויף אַרונטער. ווײַזט אויס ער איז מיד,

צי אפשר ער האָט זיך אויף עפּעס פאַרקלערט.
געקומען, ווי איך, איז ער אויפן קאָנצערט,

וואָס אָנגעזאָגט האָט דער אַפּישל אויפן ברעט,
אַז אַלבערשטיין חוה אַרויסטרעטן וועט.

איך זיץ, אויפן עולם מיט נײַגער איך קוק.
ביז סוף־כּל־סוף האָט זיך דער פאָרהאַנג צערוקט.

אָט גיט די גיטאַרע אַ האַרציקן ברום
און שטיל איז געוואָרן אַרום און אַרום.

די זינגערין זינגט אַ ליד נאָך אַ ליד.
צוזאַמען מיט אַלעמען פּליעסקעט דער ייִד.

העברעישע לידער! מיר נאָענט איר ווערט. —
מיר דוכט אַז איך האָב אײַך אַ מאָל שוין געהערט

נאָך דאָרטן אין ווינטער־פאַרנאַכטן... און אָט,
אַ יודישע ליד זינגט איצט אַלבערשטיין גראָד.

דער ייִד, ווי כ׳וואָלט זײַן מיט אים לאַנג שוין באַקאַנט,
ער האָט מיך געגעבן אַ נעם בײַ דער האַנט,

אַ שולדיקער שמייכל זיין פּנים צעקנייטשט,
עס האָט זײַנע אויגן אַ פּײַכטקייט פֿאַרפּלייצט...

און ווען ס'האָט דער פֿאַרהאַנג די בינע פֿאַרדעקט,
מיר זײַנען אַרויס מיט פֿאַמעלעכע טריט.

מיין ייִד איז געוועזן (ער האָט מיר אַנטפּלעקט)
אין גדוד מגיני השפה העברית.

אויף אַזעלכע וועגן פלעגן

אין דעם הימלבלוי פון וואַנען
ס׳פלעגט צו אונדז אַראָפּ די שכינה,
פליִען אום איצט עראָפּלאַנען —
אָפּגעטער פון אַלומיני.

ס׳האָבן אונטערוואַסער־שיפן
אינעם ים די רו צעשאָסן.
ס׳איז אין זייַנע טיפסטע טיפן
אויסגערונען דער לוויתן.

ס׳גרילצן טאַנקען אויף די וועגן,
אין די בערג ווו מירטן בליִען.
אויף אַזעלכע וועגן פלעגן
אומגיין באָרוועסע נביאים.

דער ווערטוט

„וואָס טוט זיאַמע,
זיאַמע וואָס טוט ?"
מ. מ. שאַפּיר

„וואָס טוט זיאַמע,
זיאַמע וואָס טוט ?"
געגעבן די מאַמע
אים האָט אַ ווערטוט —

אויף וואַסער געקנאָטן,
אַ געלכל פּאַרטאָן,
פון אויבן באַשאָטן
מיט פּינטעלער מאָן.

ער גייט ניט אין חדר,
אין אַלקער ער זיצט.
דרײַ טעג שוין כּסדר
צו נאַכט האָט ער היץ.

דאָס קאַנעצל פּינקלט,
מיט גאַזע עס שמעקט.
בײַם אויוון אין ווינקל
איז זיאַמע פאַרשטעקט.

פון פענצטער פון נעקסטן
דער ווינט רײַסט די לאָד...
ס'איז אים דאָס געבעקסל
אַ ביס טאָן אַ שאָד.

אין העלדזול נעמט פּאָרכקען,
דאָס קעפּל אים ברענט.
ער האָט משה־מרדכין
נאָך דאַן ניט געקענט.

ווען זיַין וואָלט ער נעבן,
געווען וואָלט דאָך גוט. —
ער וואָלט אים געגעבן
אַ שטיקל ווערטוט...

נאָוועמבער 1985

ווײַט פֿון דאַנען

ווײַט פֿון דאַנען, אין קאַנאַדע,
לעבט דער מענטש פֿון וועמען כ׳טראַכט.
אַלע שלאָפֿן דאָרט אַוודאי,
ווײַלע איצט איז דאָרטן נאַכט.

נאָר איך קאָן אײַך ניט קאַווירן
צי דעם מענטשן נעמט דער שלאָף.
אפֿשר קוקט ער איצט ווי ס׳פֿרירן
די מזלות אין אין־סוף?

אָדער גאָר אַרומצושפּאַנען
ביז באַגינען אים געפֿעלט, —
זוכן, טאָמער איז פֿאַראַנען
דאָס וואָס ס׳פֿעלט אים אויף דער וועלט?

אפֿשר שרײַבט ער אַ צעקלעמטער
אין אַ קרײַז פֿון בלאַסער שײַן,
מיט זײַן הענטלפֿענע נעמט ער
איצטער גאַנצע וועלטן אײַן?

צי ער זיצט גאָר אויף דער צאַרגע
פֿון זײַן אויפֿגערודערט בעט
אין דער פֿינצטער שטאַרק דערהרגעט
און ער מורמלט אַ געבעט?

איז עס דען אַזוי ? אַוודאי
קאָן עס זײַן אַזוי ווי כ׳זאָג !
...ס׳גייט צו אָוונט. אין קאַנאַדע
נעמט שאַרזען שוין אויף טאָג.

יום־כיפור־מלחמה

פון די שעהען פון די פריסטע
ביז די שעהען ביז די שפעטסטע
איז מײַן אויער בײַם טראַנסיסטער,
בײַ די נײַס די סאַמע לעצטע.

דער טראַנסיסטאָר אַנגעסטרויעט
איז אויף דער מלחמה־כוואַליע.
לעבן מיר דאָ אין דער סאַליע
זיצט מײַן רחלע פאַרטרויערט.

אָט אַזוי איז זי געזעסן
מיט מײַן קינד אין יענע יאָרן,
ווײַט אין הינטערלאַנד פאַרלאָרן —
ניט געטרונקען, ניט געגעסן...

כ'בין געווען אויף דער מלחמה —
אויף דער וואָלגע, ווײַט פון דאַנען.
זי פלעגט זוכן אַ נחמה
אין די רייד פון לעוויטאַנען.*

יולי 1982

* לעוויטאַן — דער הויפּט־דיקטאָר פון דעם סאָוועטישן ראַדיאָ אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איך האָב ניט געשטורעמט...

איך האָב ניט געשטורעמט די פעסטונג באָפּאַר,
מײַן טאַנק אין צידון ניט אַרײַן איז. —
מע נעמט שוין ניט מער אויף מלחמה מײַן יאָר.
גיי האָב דאָ צו עמעצן טענות...

נאָר איך האָב באַפאַלן מיט יאָרן צוריק
(די צײַט איז אַ ביסעלע ווײַט שוין)
אַ צוג, וואָס געפלויגן איז איבער אַ בריק
מיט טאַנקען, האַרמאַטן און דײַטשן.

צו פוס כ׳בין דערגאַנגען כּמעט ביז בערלין
דורך שטעטלער, וואָס זײַנען ניטאָ מער.
איצט האַלטן מלחמה שוין אונדזערע זין.
עס ציט זיך נאָך אַלץ די מלחמה...

ס'איז שטיל געוואָרן אין גליל

ס'איז שטיל געוואָרן אין גליל,
עס בוכען מער ניט די האַרמאַטן.
מען האָט פאַרלאָזן די מיקלטן
און ס'הערט זיך ווי עס גרילט דער גריל...

ס'איז שטיל געוואָרן אין גליל.
ווו נאָר אַ גרוב פון די קאַטיושעס
פאַרצויגן מיט אַ גרינעם פליוש איז.
פון די פּרדסים ווייעט קיל...

ס'איז שטיל געוואָרן אין גליל.
די ווענט פון באָמבעס דורכגעבויערט
די מויערערס האָבן פאַרמויערט.
די קינדער שפּילן זייער שפּיל...

ס'איז שטיל געוואָרן אין גליל.
אַליין פון זיך וואָלט שטיל ניט ווערן.
עס האָט געקאָסט אונדז בלוט און טרערן,
אַז אין גליל זאָל ווערן שטיל.

יולי 1982

צו איינעם אַ פרײַנד

איך וואָלט ניט לעבן מער אַצינד
אין קיין שום אַנדערער מדינה
ווו גאָרנישט ניט מיט איר מיך בינדט,
כאָטש פילסט דאָרט ניט קיין ראַסן־שׂינאה
און ס'הענגט ניט איבער דיר קיין שווערד.
(נאָר זיי אַ בריה, פּרוּוו געפינען
אַזאַ מדינה אויף דער ערד...)

זאָל זײַן דיר האָט זיך אײַנגעגעבן
אַזאַ מדינה אָפּצוזוכן
און דאָרט האָסטו "געמאַכט אַ לעבן".
ס'איז לײַכט באַקליידן זיך, באַשוכן,
דו האָסט אַ וווינונג אַן אַנטיק,
עסט אין דער וואָכן אייערקוכן.
אין דעם באַשטייט דאָס גאַנצע גליק?

דײַן קינד (דער עיקר איז דאָס קינד!)
זיך נעמט פון דיר אָוועקצושאַרן
אַהין פון וואַנען ס'בלאָזט דער ווינט,
וואָס פול פאַר אונדז איז מיט געפאַרן.
ס'קאָן זײַן, דאָס טוט דיר טאַקע וויי,
ס'קאָן זײַן, דאָס טוט דיך אַזוי אַרן
ווי פאַראיאָרעדיקער שניי.

אַבי דיר גייט! דיר לעבט זיך ברייט,
פֿאַר איסראַעל דו שפּענדעסט צדקה.
נאָר ווּעסט דערמאָנען וואָס איך זאָג:
אין איינעם אין אַ שיינעם טאָג
דײַן לײַכטזין וועט אַרויס דיר באָקעם...

ניט דערוואַרט זיך

מיט אומגעדולד געוואַרט כ׳האָב דײַן צוריקקער,
געפּרוווט זיך אַלץ געניי דעם טאָג דערוויסן.
איך ווייס, דו האָסט זיך אויך אַהיים געריסן.
די היים — דאָס איז געווען בײַ דיר דער עיקר.

פון מערב־וועלט, פון די פּאַריזן אירע
האָט דיך געצויגן צו דײַן ביכער־אַלמער.
דײַן האַרץ איז טרײַ געשטאַנען אויף דער שמירה
דאָ בײַ די טויערן די ירושלמער.

גענוג האָסט פּאַר דײַן לעבן שוין געוואַנדערט.
האָסט נאָך אַ מאָל געקענט זיך איבערצײַגן,
אַז אויב מיר זײַנען פון איין בוים די צווײַגן,
איז אָט דער בוים פאַרוואָרצלט אינעם לאַנד דאָ.

אַז דאָרטן האָט פאַר אונדז זיך אַלץ געענדיקט,
געענדיקט האָט זיך טרויעריק די פּרשה,
זיי האָבן אויסגעוואָרצלט אונדז אויף שטענדיק.
ס׳וועט מער ניט אויפקומען פאַר אונדז קיין וואַרשע.

איך האָב געוואַרט דו זאָלסט אַהיים זיך קערן, —
בײַ מיר איז דאָ אַ נייער בוך דערשינען.
די גאַנצע צײַט האָב איך געהאַט אין זינען
פון דיר, פון דוד ספּאַרד אַ וואָרט דערהערן.

וואָלסט כאָטש באַוויזן טאָן מײַן בוך אַ בלעטער,
צי כאָטשבי צורירן זיך צו דעם טאָוול...
געבליבן זײַנען מיר אָן דיר פּאַראָבלט.
און גאָט אַליין נאָר ווייסט וואָס וואַרט אונדז שפּעטער...

צעריסן ווערן קאָן דאָס האַרץ אויף שטיקער.
איך האָב זיך ניט דערוואַרט אויף דײַן צוריקקער...

אויף דער קני

„איך שרייב איצט די לידער
ביים קיכטיש".
בינם העלער

אַ פלויטל, אַ שטעלכל, אַ קופּקעלע הני...
איך זיץ אויף די קלעצער און שרײַב אויף דער קני.
די כעמישע בלײַקע איך נעץ מיט דער צונג.
איך בין נאָך משוגענערווײַז אַזוי יונג!

...עס האָט זיך צעצווירקעט אין קיך דער צווירקון,
ס׳ווערט סומנע בײַ מיר אויפן האַרצן דערפון.
פון קאַניעץ דאָס צינגל די פינצטערניש לעקט.
איך שרײַב אויף דער קני, הינטער אויוון פאַרשטעקט.

...געוואַלגערט איך האָב זיך אַ סך אין דער פרעמד.
אין מאָגערן קלומעק — אַ העפט און אַ העמד.
און שטענדיק אין מיר עפּעס נאָגט, עפּעס שרײַט...
געווען איז דעמאָלט אַ ביטערע צײַט...

...אין שוצגראָבן זיץ איך. אַ בענקשאַפט מיך עסט.
די ביקס מײַנע צווישן די קני כ׳האָב פאַרפּרעסט.
איך שרײַב אויף דער גיך אין צעפּליקטן בלאָקנאָט.
ווי האָט ער פאַרהיט זיך? — דאָס ווייסט נאָר איין גאָט.

...כ׳קער אום זיך פון פראָנט. אַלץ איז וויסט און פאַרברענט.
קיין טישל, קיין בענקל — פיר ליידיקע ווענט.
אַבי ס׳איז אַ בלײַער פאַראַן און פּאַפּיר.
עס שרײַבט זיך, עס שרײַבט זיך, עס שרײַבט זיך בײַ מיר!

צו ביסלעך מיר זײַנען געקומען צו זיך.
איך האָב שוין אַ שרײַבטיש, אַ טישל אין קיך,
נאָר אַלץ בײַ מײַן אַלטער געוווינהייט איך בלײַב —
ביז איצט אויף דער קני מײַנע לידער איך שרײַב.

אַך

„אַך!" — דער אויסגעשריי אָט דער צעהיצטער
פלעגט קלינגען מיט התפּעלות אין די אויערן...
עס קומט צו גיין צו מיר דער „אַך" אויך איצטער,
נאָר אין גאַנצן אַנדערש, צום באַדויערן.

מײַנע פינגער האַלטן דײַנע פינגער.
פלוצעם ציטערט אויף מײַן גאַנצער וועזן, —
אַך, ווען איך וואָלט זײַן אָט איצטער ייִנגער!
אַך, ווען דו וואָלסט ייִנגער איצט געוועזן...

חיים גראַדע

עס איז שוין גראַדע אויך ניטאָ! —
דער גרויסער ליטוואַק חיים גראַדע...
ער האָט אַ זאָג געטאָן זײַן "יאָ!"
ווי קיינער ניט בײַ אונדז אַוודאי.

זײַן וואָרט — ווי אויסגעהאַקט פון שטיין,
זײַן שורה — ווי פון שטאָל געקאָוועט, —
זיי האָבן אויסגערופן "ניין"
צו די, כ׳בעט איבער אײַער כבוד,

וואָס דרייען זיך אונטער די פיס,
דאָס וואָרט זיי מאַכן אויסצודרייען.
זײַן וואָרט געוועזן וואָגיק איז
און פלעגט אונדז מיט דער עכטקייט פרייען.

ס׳האָט ווי אין בערג געהילכט זײַן שטים
אַפילו ווען ער האָט בלחש
גערעדט געמיטלעך און אינטים.

געוועזן איז יידישלעך־תּנכיש,
פאַר אים אַליין נאָר אייגנטים
דער נוסח אָט דער אַנגעגליטער.

ער איז אַוועק! אַוועק מיט אים
איז אין דער אייביקייט די ליטע...

די לעגענדע וועגן דעם ציפּרעסבוים

ער איז אַ ברייט צעצווײַגטער בוים געווען,
ווי אין אַ פּוכיק־גרינעם שוים געווען.

און אין זײַן קרוין מיט הימל דורכגעוועבט
אַ טשאַטע פּייגל שטענדיק האָט געלעבט.

זײַן צווײַג־געפּלעכט פון אונטן אַ באַשיץ
געווען איז פון רעגן און פון היץ, —

אַזוי ווי אַ צעשפּרייטער פּאַראַסאָל
פאַר יעדער דורכגייער פון באַרג און טאָל.

און ס'האָט בײַ זיך אין האַרצן יעדער מענטש
דעם שיינעם, ברייט צעצווײַגטן בוים געבענטשט.

ביז איין מאָל האָט מען אומגעריכט דערזען, —
ס'איז מיט דעם בוים אַ מאָדנע זאַך געשען:

ניטאָ מער פון די צווײַגן קיין געצעלט —
ער האָט זיי אַלע דיבאָם אויפגעשטעלט,

צום שלאַנקן שטאָם ער דריקט זיי און ער דריקט
און וויל זיי מער ניט אָפּלאָזן צוריק...

און אויך זײַן קרוין ער האָט צנויפגעפּרעסט.
מער בויט שוין דאָרט קיין פויגל ניט זײַן נעסט.

געוואָרן איז פון אים אַ ציפּרעסבוים.
אין אָט אַ דער לעגענדע גלייבט זיך קוים.

זיי זײַנען אָנגעלייגט בײַ מיר

אַריה לאָנדאָנען, וואָס זאָרגט
פֿאַר אונדזער ייִדיש.

חייקע גראָסמאַן און יצחק שמיר
זיי ריידן אַ ייִדיש — אַזאַ יאָר אויף מיר!

דערהער איך נאָר זייערע ייִדישע רייד, —
די אויגן בײַ מיר זיך צעעפֿענען ברייט.

עס טרעפֿט אַז אַ פֿײַכטקייט פֿאַרציִען זיי נעמט.
אַ ליכטיקע בענקשאַפֿט דאָס האַרץ מיר פֿאַרקלעמט.

עס נעמט מיך פֿאַרטראָגן צוריק אויף אַהין
פֿון וואַנען אַהער צו געקומען איך בין.

צו דעם בעל־מלאָכהשן רעשיקן ליק
דערקלײַב איך זיך תּיכּף — און גלײַך פֿאַר מײַן בליק —

אָט זײַנען: די מאַמע, דער טאַטע — אויף גיך
זיי שפּאַנען צום בריקל באַגעגענען מיך.

ווי זײַנען זיי אָבער אַרויס פֿון דער גרוב
און פֿירן מיך אונטער די הענט צו דער שטוב?...

און אָט איז די שטוב מיט דעם גאַנטענעם דאַך.
געווען איז אַ שטוב מיט נאָך שטיבער אַ סך...
ס'איז ייִדיש געווען דאָרט די איינציקע שפּראַך

אויף וועלכער עס ריידן די מענטשן די צוויי,
וואָס זאָגן, ווי מיר, ניט אַזוי, נאָר אַזוי.

מיר דוכט זיך זיי זאָגן: די האָרץ, דער געבעט —
אַזוי אין קאַלינקאָוויטש האָט מען גערעדט.

זיי זײַנען פון אונדזערע קאַנטן, ווײַזט אויס,
עס מאַכט מיר ניט אויס וואָס זיי ברענגען אַרויס.

צי רעדט ווער אויף רעכטס, צי רעדט ווער אויף לינקס,
אַזוי ווי אַ ווײַן זייער ייִדיש דו טרינקסט.

און ווײַלע ס'ווערט פריילעכער מיר פון דעם ווײַן —
איז ווילט זיך מיר זאָגן אין טאַטן אַרײַן

אַיעדן שמעגעגע פון לינקס און פון רעכטס
וואָס איצט נאָך (באַרעכנט!) מײַן לשון פאַרשוועכט.

די יעניקע אַלע פון אונטער איין פאָן
בײַ וועמען ס'איז ייִדיש נאָר אַלץ אַ זשאַרגאָן.

ווי נישטיק זיי זײַנען פאַר מיר אָט די לײַט.
דער גײַסטיקער דלות אַליין פון זיי שרײַט.

ווי אָנגעלייגט זײַנען די מענטשן בײַ מיר — —
אי חייקע גראָסמאַן, אי יצחק שמיר.

אַ צופאַל

אין איינעם אַ געוויסן לאַנד
האָט זיך פּאַיאַווועט אַ טאַלאַנט.
אַזאַ טאַלאַנט, אַזאַ טאַלאַנט
איז ניט געווען אין קיין שום לאַנד!

מע האַלט אין ריידן נאָך אַנאַנד
אין יענעם לאַנד פון ראַנד צו ראַנד:
מע דאַרף דעם דאָזיקן טאַלאַנט
אַוועקשטעלן אין מיזרח־וואַנט.
אין מיזרח־וואַנט, אין מיזרח־וואַנט
דאַרף שטיין, פאַרשטייט זיך, דער טאַלאַנט!

מע האָט גערעדט, גערעדט, גערעדט
פון אין דער פרי ביז אין דער שפּעט —
גערעדט, גערעדט, גערעדט ביז דאַן,
ביז וואַנען ס'האָט אַ גראַפאָמאַן —
ער איז געווען אונטער דער האַנט —
אַוועקגעשטויסן דעם טאַלאַנט
און זיך געשטעלט אין מיזרח־וואַנט!

קליאַטשע

„די מאָדערנע פּאָעזיע איז געוואָרן אַזוי לאַנגווייליק, אַזוי אומפאַרשטענדלעך אַז... דער לייענער האָט זי אַוועקגעוואָרפן און וויל זי מער ניט אָנקוקן, זעט ניט קיין שום צוועק זיך צו שטאָפּן מיט די פּוסטע פּראָזעס".

יצחק באַשעוויס

מיט קליאַטשע, ווען ס׳ווערט דער אינדרוויסן שוין קאַלט,
די שויבן — מיט רעגן פאַררונען,
איז גוט צו פאַרשטאָפּן אַוווּ נאָר אַ שפּאַלט,
אַוווּ נאָר אַ מינדסטע שפּאַרונע.

עס טרעפט זיך, ס׳ווערט קאַליע דער אויטאָ בײַ דיר
און ס׳קען זיך שוין דוכטן, ער גוססט,
דאָ גיסטו אַ דריי און דאָרט טוסטו אַ שמיר,
און שמירסט זיך נישקשהדיק אויסעט.

דאָך האָסטו פאַרריכטן אים טאַקע געקענט!
זײַן גאַנג איז געוואָרן אַ גוטער.
מיט קליאַטשע זיך אויסווישן נעמסטו די הענט,
וואָס זײַנען פאַרשמירט אין מאַזוטע.

און טאָמער דו ביסט גאָר אַזאַ פּעסימיסט,
וואָס דיר איז דאָס לעבן דערווידער, —
צו אָט אַזאַ מצב דערגאַנגען דו ביסט
אַ דאַנק די הײַנטצײַטיקע לידער, —

צו וואָס זאָלסטו שפּרינגען אין וואַסער פון בריק,
אַ פיש זאָל דיך קײַען און שפּײַען?
פון קליאָטשע זיך אויספּלעכטן קענסטו אַ שטריק
און אויפהענגען זיך — אַ מחיה!

נאָר איינס פאַרגעדענק און פון איינס זיי געהיט:
זאָלסט קיין מאָל ניט סתם באַלאַבאָטשען, —
מיט קליאָטשע ניט אָנשטאָפּן זאָלסטו דײַן ליד, —
אַ שאָד איז פאַטערן קליאָטשע!

מיטן קאָפּ צו מעקאַ

אויפן דיל אין דעם צווישן פון אונדזערע בעטן,
אין יענעם שפּיטאָל ווו מיר זײַנען געלעגן,
אַ טעפּעכל פלעגט ער אַ שמאָלן פאַרבעטן, —
צעפּרענזלט, פון פעדעמלער בונטע די ברעגן,
און כּורעים אַ פאַל טאָן אויף אים מיט געוויין
דער קאָפּ — צו מעקאַ, צום שוואַרצן שטיין.

ער דאַרף זיך אַוועקלייגן אונטערן מעסער,
מע ווייסט ניט צי ער וועט אַרויס מיטן לעבן.
אַפילו אַליין דער באַרימטער פּראָפעסער
קיין ערבות ער קען אַט דעם חולה ניט געבן.

איך ליג אַ פאַרטײַעטער אונטער דער דעקע,
איך מאַך זיך ניט־זעענדיק, כ׳פּרוו אים פאַרשטיין —
ווי כּורעים ער פאַלט מיטן קאָפּ צו מעקאַ,
מיטן קאָפּ צו מעקאַ, צום הייליקן שטיין.

דער עטיאָפּישער ייִד

אַ שוואַרץ־פּנימדיקער,
אַ גראָבליפּנדיקער,
מיט אַרויסגעשטאַרצטע באַקנביינער
און אַנדערע סימנים נעגראָיִדישע.
נאָר די אויגן —
מיט אַ טרויער־הייַטעלע פֿאַרצויגן —
זיי זייַנען ייִדישע!

סעפּטעמבער 1985

צו דעם בושל

מיר דאַכט דו האָסט מיך אומגעקערט צוריק
אַהין אין יענעם קאַנט וואָס אויפֿן צפֿון,
דאָרט ווו דער זומער איז — אַן אויגנבליק.
און ניט אַזוי דער ווינטער דאָרטן דריקט,
ווי ס׳דריקט דער הימל וואָס אין וואָלקנס איז פֿאַרלאָפֿן.

און דו, מײַן בושל, כ׳האָב דיך גלײַך דערקענט,
געלעבט האָסט אויפֿן דאַך פֿון יאַנקעס שײַער.
געקומען ביסט אַהער צו מײַנע ווענט
דעם ווינטער איבערווינטערן, וואָס ברענט
איצט דאָרטן מיט אַ העליש־ווײַסן פֿײַער.

און ווי נאָר ס׳וועלן פֿלאַצן יענע פֿרעסט,
וועסטו זיך קערן צו דײַן קאַנט דעם ליבן,
ווײַל דאָרט בײַ דיר געבליבן איז אַ נעסט.
נאָר איך וועל זיך ניט קערן, ווי דו זעסט.
ווײַל דאָרט בײַ מיר איז גאָרנישט ניט פֿאַרבליבן.

פאַרפרעמדט

פאַרטריבּן אין דער סאַהאַרע דעם יאַקוט,
פון דאָרטן — אין דער טונדרע דעם בערבער,
ניט אויסשטיין וועט ניט יענער און ניט דער.
אָ, דער פאַרטריבּער ווייסט שוין וואָס ער טוט!

און מיך האָט מען געשליידערט אומעטום —
ווער נאָר די מאַכט געהאַט האָט איבּער מיר —
אין די באַרכאַנען אינעם קאַראַקום,
אין די בוראַנען פונעם אַנאַדיר,

פון דאָרטן — נאָך דער טייוול ווייסט וווהין!
און אומעטום בין איך געווען פאַרהאַסט.
צו יעדן וועטער כ׳האָב זיך צוגעפּאַסט, —
צו זיך אַליין פאַרפרעמדט געוואָרן כ׳בין.

דעצעמבער 1982

זכּרון

אין דעם געדיכטן וואַלד
פון דעם זכּרון מײַנעם
פאַרבלאָנדזשעט האָב איך באַלד
ווי כ׳בין אַהין אַרײַן נאָר.

אַזאַ צעוואַקסנקייט
פון כ׳ווייס פאַר וויפל יאָרן!
אַזאַ פאַרעקשנטקייט —
זיך האַלטן אין זכּרון!

פון דאָרט זיך טראָגט אַ גוואַלד,
פון דאַנען — אַ געיאָמער...
אַנטלויפן כ׳וויל פון וואַלד,
נאָר ס׳איז קיין וועג ניטאָ מער...

ווי כ'האָב אַ לעבן אָפּגעלעבט

ווי כ'האָב אַ לעבן אָפּגעלעבט
און ווי איך האָב געזאָלט אויך שטאַרבן,
דער וואַלד איז איצטער דורכגעוועבט
מיט בונטע אָסיענדיקע פאַרבן.

ס'האָט דאָרטן דער סופּסינער קוסט
זיך העל צעפלאַקערט אויפן גאָרטן...
איך האָב פאַרלאָזן אַלץ געמוזט,
אַנטלויפן כ'האָב געמוזט פון דאָרטן.

און אַלץ וואָס איז געווען מיר טײַער
פאַר מיר אַוועק איז אָן אַ פײַער. —

דער סאָסנעוואַלד מיט זײַן געררויש,
דער פּאַפּאָראָט וואָס איז צעפּעכערט,
דער בערעסטענער שוואָמענקויש,
די לאָסטעווקע אונטער דער סטרעכע,

די אָספּעביימער בײַ דעם שליאַך,
בײַם סטאַוו דאָס ביבערל דאָס פּליושן,
דער שטעכלער אינעם וואַלגער־סכך
און אויפן דאַך דער גוטער בושל,

די שקיעות ווי מיט גאָלד געמאָלט,
די נעכט אין הוקען פון די סאָוועס...
אַראָפּקומען איך וואָלט געוואָלט
אַהין צו כאָטש אויף קבר־אָבות.

נאָוועמבער 1981

די צורה

אין שאָטן פון אַ פייגנבוים
געזעסן כ׳בין אַנומלט.
אַ ווינטל האָט געבלאָזן קוים,
אין גראָז האָט זיך געטומלט.

די זון אַרויף איז אויפן באַרג
ווי אויף אַ הויכער בימה —
דעם אייבערשטן צו רימען.
זי איז אויף ליכט געווען ניט קאַרג
און ניט געקאַרגט קיין חמימה.

אַזאַ מחיהדיקע היץ
נאָך יענע קאַלטעליידן!
די לופט וואָס שמעקט דאָ מיט געווירץ
געטרונקען כ׳האָב אַזוי ווי מיץ. —
אַן אמתער גן־עדן!

איך הער די פייגלשע מוזיק
און ווי די בינען זשומען.
אַ שפערל אויף אַ צווײַג זיך וויגט.
...נאָר מיט אַ מאָל איז פאַר מײַן בליק
ווי ברודיק־געלע ליים אַ שטיק,
אַ צורה אַנגעשוואומען!

דאָס ווינטל איז געבליבן שטום,
געוואָרן שטיל די פייגל,
אַנטשוויגן איז דער בינענזשום...
די צורה, אויסגעבויגן קרום,
און שטשירעט מיט אַן אייגל.

דאָס צווייטע אייגל האָט מיט האַס
אין מיר זיך אײַנגעשטאָכן...
דו זע נאָר, פון כמעלניצקי־גאַס
ווי קומט אַהער מײַן שכן ?!

ביז הײַנט צו טאָג געדענק איך אַלץ —
זײַן פלוכן און זײַן שינאה,
ער פלעגט זיך רײַסן אויפן האַלדז:
״זשידי, דאָ פּאַלעסטיני!״

דער ״פסוק״ האָט געהאַט דערפּאָלג
אין יענעם לאַנד דעם טריבן.
איז האָב איך טאַקע אים געפּאָלגט
און זיך אַהער דערקליבן.

פאַרשטייט זיך, ס׳איז געווען גאַנץ שווער.
כ׳בין דורך אַזוי פיל פּלאָגן
כּדי ניט אָנקוקן אים מער.
נאָר וועלכער טײַוול האָט אַהער
צו מיר אים אָנגעטראָגן,
און וואָס איז איצט מיט אים דער מער,
וואָס קאָן ער נאָך דען זאָגן ?

איך בין דאָך שוין ביי זיך אין לאַנד,
איז פּרווו אויף מיר דאָ שרייַען!
...ער לייגט צום גאָרגל צו די האַנט
און זאָגט, עס ברענט אין אים אַ בראַנד,
איך זאָל אים אויף אַ פלאַש מיט י״ש
אַ דרייַערל אַנטלייַען...

יאַנואַר 1982

עס פעלט מיר דער ווינטער

מיר פעלט אַ סעזאָן אינעם יאָר,
עס פעלט מיר דער ווינטער.
— — — — — — — — — —
דער אוראַלטער יאָדלעווער באָר
אין שניי אַ פאַרשפינטער,

אין שליטן — אַן אָקס איינגעשפּאַנט
(מע פאָרט נאָך אויף אָקסן
אין יענעם ווײַסרוסישן קאַנט,
ווו כ׳בין אויסגעוואָקסן.)

ס׳איז פוכקע דער שניי אינעם וואַלד,
דער אָקס גייט פּאַוואָליע.
ס׳וועט גרעבעו באַווײַזן זיך באַלד,
אַהין פירט די קאָליע.

כ׳צעשפיליע מײַן שאָפּענעם פעלץ.
...און אָט איז שוין גרעבעו.
די אײַזליכטלעך — נאָך ניט צעשמעלצט,
פאַרהענגען די סטרעבעס.

ס׳אַ הייליקע שטילקייט, מײַן גאָט!
נאָר דאָ קאָנסט זי טרעפן.
די כאַטע די ערשטע מיר האָט
די טיר אויפגעעפנט.

אַ בוטל זיך וויַזט אויפֿן טיש,
מע גיסט אָן אַ טשאַרקע,
— לחיים — דעם מויל כ'טו אַ וויש, —
או־וואַ, סאַראַ שטאַרקע!

מיר האָבן ווי ברידער געלעבט
מיט אונדזערע שכנים.
זיי האָבן דערנאָכדעם געשלעפּט
די קינדער און זקנים —

מיט יעניקע פֿינצטערע לייַט
געשלעפּט צו די גריבער...
מיַין ווייטיק ביז איצטער נאָך שריַיט
און גייט גאָר ניט איבער.

נאָר וואָס איז ער שולדיק דער באָר
אין שנייִ אַ פֿאַרשפּינטער?
מיר פֿעלט אַ סעזאָן אינעם יאָר,
עס פֿעלט מיר דער ווינטער.

היימלאַנד

דאָס לאַנד וואָס דאָרט בין איך געבאָרן,
ווו כ'האָב געלעבט אַזוי פיל יאָרן,
זיך קלאַמערט אַלץ אָן מײַן זכרון.

און טאַקע, קען מען דען פאַרגעסן
דאָס פליעקסען פון דעם טײַך אַרעסיע,
דאָס שפּאַנען אין די פײַכטע פּאַנעס
פון די גאַנצעוויטשער בוטשאַנעס,
דאָס הודיען אין די רודניער כוואָיעס
פון די פּאָלעסיער ווינטן בלויע?

ווי קען אַרויסגיין דיר פון זינען
אין שניי די רויטע זשוראַווינע,
אויף צווײַגעלעך ווי פּעדעם דינע.
און הײַנט ווי ס'וויינט די פּערעפּיאָלקע,
ווען אויפן האַרצן איז איר זאָלקע!

און נאָר, ווי קען מען ניט געדענקען
דער ווערבעס צווײַגיקע געלענקען,
וואָס אין דער סאַזשלקע זיך ווייקן,
און דאָס געזאַנג פון דער זשאַלייקע
אויף די פּאָפּלאַוועס און די האָלעס —
דאָס גאַנצע קעניגרײַך קופּאַלעס
מיט יעדער סקירדע אינעם אַויר, —
ווי דאָס איז אַלץ געווען מיר טײַער!

נאָר ס׳לאַנד וואָס דאָרט בין איך געבאָרן,
וואָס ס׳איז מײַן מאַמע דאָרט געבאָרן,
וואָס ס׳איז מײַן טאַטע דאָרט געבאָרן,
פיל דורות ייִדן דאָרט געבאָרן
און אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן, —
איז מיר קיין היימלאַנד ניט געוואָרן.

עס ווייַנט מײַן האַרץ

צום אָנדענק פון אונדזער נאָענטער
רבקה גובער

ווער ווייסט וואָס איז פאַרלאָפן מיט דעם פייגעלע ?
וואָס האָט דעם פייגעלע געפּלאָגט ?
עס האָט דאָך קיינעם גאָרנישט ניט געזאָגט —

די פליגעלעך די שמאָלע האָט דאָס פייגעלע
צום קליינעם גופל צוגעפּרעסט
און זיך אַרויסגעוואָרפן פונעם נעסט...

די נעסט איז הויך געווען בײַ דעם פייגעלע.
און אונטער איר די ערד איז האַרט ווי שטיין —
איז אים געווען פאַרשפּאַרט שוין אויפצושטיין.

געבליבן איז פון אָט דעם טײַער פייגעלע,
וואָס איז אַזוי געווען אומבאַשיצט,
אַ הײַפל פעדערלעך מיט בלוט באַשפּריצט...

עס ווייַנט נאָך דיר דאָס האַרץ, מײַן האַרציק־אייגענע !
אַזאַ מין שוידערלעכער טאָט !
ביסט אומגעקומען ווי אַ שוואַכינק פייגעלע,
כאָטש גבורה פון אַן אָדלער האָסט געהאַט.

ווי אַ גרעזל

און ווען דעם הוילן פעלדזנפלאַך
מע האָט דאָ אויסגעבעט מיט באָדן,
וואָס אים אויף זיך האָט מען געבראַכט
פון טיפן טאָל אין זעק געלאָדן,

האָט ראָסע זיך געטאָן אַ שאָט
און ס׳איז דער באָדן פײַכט געוואָרן,
און יעדע הרודקע ערד עס האָט
אַ גרינינק גרעזעלע געבאָרן.

אָ, מײַן געבענטשטע מאַמע־ערד!
כ׳בין ווי דער הוילער פעלדז געוועזן.
זאָל דאָ מיר אויכעט זײַן באַשערט
אַרויסצושפּראָצן ווי אַ גרעזל.

דער פּיקהאָלץ

איר זאָלט נאָר אָנקוקן ווי ער איז אַרבעטזאַם!
איז לאָמיר אים ניט געבן קיין עין־הרע.
נאָר דאַן פאַרלאָזט ער פונעם בוים דעם שטאַם,
ווען ער פּיקט אויס די זשוקלעך פון דער קאָרע.

ניט אַלע אָבער ווייסן וואָס אים וואַרט.
פון אָט דער מי וואָס נייטיק איז און נאָבל —
אומאויפהערלעך צו קלאַפּן מיטן שנאָבל
אַ מאַרך־צעטרייסלונג קריגט ער און ער שטאַרבט.

די פּאַן

אַברהם ליסן, וואָס האָט זיין פּאַן.

אַזוי פיל צײַט, פון סאַמע אָנהייב אָן
אַ קעניגרײַך ניט האָבן זאָל קיין פּאַן!

איז צו דער פּאַנפּאַבריק איך לאָז זיך גלײַך
אַ פּאַן באַשטעלן פּאַר מײַן קעניגרײַך.

צום דריטן שטאָק די טרעפּ זיך דרייען ווי אַ שרויף.
אַליין דער באַלעבאָס דאָ נעמט מיך אויף.

פון אַט דער פּאַן כ׳וואַרף אָן אים דעם עסקיז.
פּונקט ווי אַ לעבעדיקע פּאַר מײַן בליק זי איז, —

די לענג. די ברייט, דער קאָליר, די עמבלעם —
אָן אויג אַ שטראַלנדיקס אונטער אַ ברעם.

דער באַלעבאָס, אַ נפשל אַ קאָלטס,
אַבי באַצאָל, וועט ער דיר מאַכן אַלץ

ער שלאָגט די רייד מיר איבער אויפן שטעל
און פרעגט מיך וויפל פּאַנען איך באַשטעל.

אויב וויניקער (אַ ציפער גיט ער אָן),
איז נעמט ער די באַשטעלונג כּלל ניט אָן.

געבליבן בין איך אַפּהענטיק, פּאַרפּלאָגט.
— צי שוין זשע, זאָג איך, האָב איך ניט געזאָגט,

מיר דאַכט זיך אַז איך האָב דערקלערט שוין אײַך —
איך דאַרף איין פאָן נאָר פאַר מײַן קעניגרײַך...

און כ'סטאַרע זיך אים געבן צו פאַרשטיין,
אַז אָט דאָס קעניגרײַך בין איך אַליין.

— בײַ מיר דאָ — ענטפערט ער — איז אַ פאַבריק.
מיר אַרבעטן אויף הורט, ניט אויפן שטיק.

סעפטעמבער 1986

ווי איך בין אַ מענטש

איר וועט קיין מאָל ניט הערן
(כ'האָב לאַנג דאָס באַמערקט)
אַ טערק זאָל זיך שווערן —
"ווי איך בין אַ טערק!"

איר וועט אויכעט ניט הערן
(דאָס ווייס איך געגוי),
אַ גוי זאָל זיך שווערן —
"ווי איך בין אַ גוי!"

דערפאַר וועט איר הערן
(וועגן דעם איז מײַן ליד)
נאָר די ייִדן זיך שווערן
"ווי איך בין אַ ייִד!"

מיר וועלן נאָך הערן —
די רגע איך בענטש, —
אַז אַ מענטש וועט זיך שווערן:
"ווי איך בין אַ מענטש!"

אין מיטן

צוריק מיט עטלעכע וואָכן,
העכער פֿון מיר מיט אַ גאָרן,
געשטאָרבן איז מײַנער אַ שכן,
אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן.

און הײַנט, מיט אַ גוואַלד אַ באַגלייטער,
נידעריקער מיט אַ גאָרן,
איז ניפטר געוואָרן אַ צווייטער,
אַ ייִד אין די עלטערע יאָרן.

געשען איז עס פּערציק צו זיבן.
די זון איז פֿאַרגאַנגען אין רויטן.
און איך בין אין מיטן געבליבן
צעווישן די ביידע טויטן...

דו זאָג מיר נאָר

דו זאָג מיר נאָר, אין מיר וואָס זעסטו,
וואָס קיינעם ניט חוץ דיר נאָר פעל איך?
ווי וועסטו זײַן אָן מיר, ווי וועסטו?
ווי וועל איך זײַן אָן דיר, ווי וועל איך?

מיר האָבן זיך צונויפגעוואָקסן
אַזוי ווי פון איין בוים צוויי שטאַמען.
די יאָרן ווי די בלינדע אָקסן
זיי שלעפן אונדז צום ראַנד צום סאַמען...

אויף דער עלטער

אַן אַלטע בין זי ברענגט ניט מער קיין האָניק.
אַפילו אויסזשומען זיך מער זי קאָן ניט. —
דאָס גיבן איבער אונדז די בינען־ציכטלער.
ניט שווין זשע איז אַזוי אַן אַלטער דיכטער?

אַן אַלטער בוים אָן בלעטער אויף די צווײַגן.
אַפילו אויפן ווינט ער מוז שוין נעבעך שווײַגן. —
דאָס גיבן איבער אונדז די צווײַגן־קלײַבער.
ניט שווין זשע איז אַזוי אַן אַלטער שרײַבער?

אַן אַלטער לייב (אויך לייבן ווערן זקנים),
אַפילו ווען ער ריטשעט, שרעקט ער שוין ניט קיינעם.
דאָס האָבן מיר געהערט פון די דרעסירער.
נאָר איז דאָס אַלץ דען שייך צו יצירה?

פֿאַרגיב

פֿאַרגיב, פֿאַרגיב מיר מײַנע זינד! —
פֿאַר דיר, מײַן איינציקע, כ׳בין שולדיק.
געווען צו דיר כ׳בין אומגעדולדיק,
אַזוי ווי אַ צעלאָזן קינד,

וואָס אָט איז עס די גוטס אַליין,
און אָט אַן אומרעכט אָפּטאָן וואַגט ער.
געהאַט געגוג האָסט אויסצושטיין
פֿון מײַן ניט גאָלדענעם כאַראַקטער...

פֿאַרגיב מיר מיינע זינד, פֿאַרגיב!
איך האָב אַ סך דיר ניט דערגעבן.
ווען וויסן וואָלסט ווי כ׳האָב דיך ליב,
איז וואָלסטו מיר געוויס פֿאַרגעבן.

סעפּטעמבער 1984

פרייד

כ'בין אויסגעשטאַנען דאָרט אַזוי פיל פּײַן,
וואָס אויסערלעך מע האָט געוואָלט פאַרגלעטן.
מע האָט מיך, ווערגנדיק ביַים האַלדז, געבעטן
ניט ערגערן זיך, פריילעך זאָל איך זיַין.

איז האָב איך זיך געפרייט ווי אַלע דאָרט
טאָג־אויס טאָג־איַין, ווי ס'פלעגט נאָר נעמען טאָגן.
נאָר כ'האָב די שימחה ניט געקענט שוין מער פאַרטראָגן
און זיך פון דאָרט אַרויסגעריסן פאָרט.

אַדורכגעבראָכן ממש מיטן קאָפּ
האָב איך דעם שווערן איַיזן־פעסטן טויער.
איך האָב פאַרבענקט זיך נאָך אַ קאַפּל טרויער.
די פרייד די אמתע איז לאַנג שוין פון מיר אָפּ...

מײַן פֿאַרמעגן

געווען איז בײַ מיר אַ פֿאַרמעגן.
ער פֿלעגט זיך אַלץ מערן און מערן.
געהאַט האָב איך טויזנטער וועגן
און לויטערע הימלען מיט שטערן.

געווען זײַנען מײַנע די ווינטן,
די כוואַליעס פֿון גאָלדענע זאַנגען,
דער לאָרך איבער פֿעלד דעם צעגרינטן
מיט זײַנע פֿאַרליבטע געזאַנגען.

און טויזנטער קלאַנגען אַזעלכע,
וואָס מורמלען, וואָס שעפּטשען, וואָס רוישן,
און מענטשן! און מענטשן אין וועלכע
איך האָב ניט געוואָלט זיך אַנטוישן.

און וואָס איז מיר איצטער פֿאַרבליבן
פֿון מײַנע אָנצאָליקע גליקן? —
דאָס ליד וואָס איז נאָך ניט פֿאַרשריבן,
דאָס וואָרט וואָס ערשט וואַרט אויף אַ תּיקון.

נאָוועמבער 1981

און דאָס איז אַלץ

אומעטום דער הימל איז דער זעלבער,
ווי אויך דער מענטש איז אומעטום דער זעלבער,
ווי אויך די זעלבע זײַנען אַלע קעלבער,
ווי אויך די זעלבע זײַנען די געוועלבער
אַוווּ מע האַנדלט מיט שוועבעלעך און זאַלץ.
נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

דער הימל איז ניט אומעטום אַ בלויער,
ניט יעדער מענטש אַ מענטש איז, צום באַדויער,
פאַראַנען קעלבער ווײַסע, שוואַרצע, גרויע.
און אויך געוועלבער וואָס זיי זײַנען ראוי
ניט נאָר צו האַנדלען מיט שוועבעלעך און זאַלץ.
און דאָס איז אַלץ.

מאַרץ 1982

מײַן קאַדענץ

ס׳וועט ענדלעך ענדיקן זיך מײַן קאַדענץ
דאָ אויף דער וועלט, און כ׳וועל אַוועק אויף יענער
ווּ בײַ די סאַזשלקעס ניט גראַגערן קיין גענדז
און אויף פּלויטן קרייען ניט קיין הענער,

ווּ פון אַ טיר ניט הערן וועסט קיין סקריפּ —
ס׳זאָל עמעצער אַרויסגיין, צי אַרײַנגיין,
ווּ מיטן וועג זאָל דורכיאָגן אַ דזשיפּ —
ניטאָ קיין וועגן דאָרט ניט קורצע און ניט לאַנגע.

זאָל כאַטש אַ טלאָ דאָרט אָפּשטעמפּלען די ערד,
צום הימל זאָל זיך ציִען דאָרט אַ בלימל!
ווּ האָסטו דאָס געזען און ווּ געהערט —
עס איז ניטאָ קיין ערד דאָרט און קיין הימל,

און ס׳איז במילא דאָרט ניטאָ קיין זון —
קיין זון און קיין לבנה און קיין שטערן...
גלײַך ווערט פאַרצייכנט דאָ מיט פּ און נ
אַט דער וואָס טוט אַהינצוצו פאַרקערן.

ס׳קאָן זײַן דאָס בילד וואָס איך האָב אָנגעמאָלט
אַנטשפּרעכט גאָר ניט דער ווירקלעכקייט לחלוטין.
דער פּעסימיסט וואָס זיצט אין מיר האָט האָלט
אַלץ אויסצולייגן שטענדיק ניט צום גוטן.

צוריק גערעדט, זאָל זײַן כ׳בין ניט גערעכט,
דאָס לעבן איז דאָך ניט קיין עדן־גאָרטן.
ס׳קאָן זײַן אַז ״דאָרט״ איז גאָר ניט אַזוי שלעכט,
ס׳קאָן זײַן אַז דאָ איז ערגער נאָך ווי דאָרטן...

ס׳קען זײַן מע וועט מיך טרעפן דאָרט מיט טענץ,
מיט לידער איינע פון דער צווייטער שענער...
דאָך פאַרזעצן כ׳וואָלט וועלן מײַן קאַדענץ
דאָ אויף דער היגער וועלט און ניט אויף יענער.

25סטער אויגוסט 1987

די סאָסנע

פֿון איר העט־העט מיט וויפֿל יאָר צוריק
איז אויסגעמײַסטרעוועט געוועזן מײַן וויג.
פֿון דעמאָלט אָן ביז איצטער נאָך איך שפּיר
דעם סאָסנעדופֿט. ער איז אַרײַן אין מיר.

ניט נאָר מײַן וויג פֿון סאָסנע איז געוועזן. —
אַלץ וואָס איר האָט בײַ אונדז אין שטוב געזען:
דער טיש, די טאַבורעטקעס און די באַנק,
די הילצערנע קאַנאַפּע און דער שאַנק,

דער קופֿערט — כ׳בין אויף אים געשלאָפֿן זיס —
דאָס אַלץ פֿון סאָסנעהאָלץ געוועזן איז.
נאָך מער! די שטוב (פֿון אַלטקײַט שוין פֿאַרגרויט)
פֿון סאָסנעקלעצער איז געוועזן געבויט.

ווען מיר וואָלט שטאַרבן אויסקומען דאָרט שפּעטער,
מײַן טרונע וואָלט געוועזן פֿון סאָסנעברעטער.
מע וואָלט באַגראָבן מיך אין דעם פֿאַרצוים
ווו בײַ דעם טויער וואַקסט אַ סאָסנעבוים.

מײַ 1987

די מולטער

איך ליג אויפֿן טאָפּטשאַן אין קיך
מיט כליפּעניש אַן איבערפּולטער.
די מאַמע פֿון דער מולטער גיך
האָט משלח געווען מיך
און רײַבט גאָר פֿאַרפּל אין דער מולטער!

פֿון האַנט דעם גראָבן פֿינגער כ׳זויג
און הער דאָס שאָרכעניש דאָס שטילע.
די מאַמע האַלט אויף מיר אַן אויג,
כ׳זאָל ניט אַראָפּפֿאַלן חלילה.

זי שאַרט און שאַרט מיט בײדע הענט
און היט איך זאָל זיך שטאַרק ניט וואָרפֿן.
איבער דער מולטער אָנגעלענט,
זי רײַבט און רײַבט און רײַבט די פֿאַרפּל...

אין סאַליע שטייט דער לאַנגער טיש —
עס קלעקן קיין עין־הרע מײַלער.
געגעבן האַנט אָן האַנט אַ וויש,
און זי פֿאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע:

...אַ פֿאַרפּליוויך איז ערשט געשמאַק,
ווען ס׳קאָכט זיך מיט אַ הינערפּיסל...
פֿון טאַטנס קאָרטענעם פּידזשאַק
דער אונטערשלאַק האָט זיך צעריסן...
ס׳איז טאַלינקע פֿאַרקילט אַ ביסל...

דאָס פֿאַרפּלזועקעלע פֿון לײַן
אַ פּולינקס װעט אין שאַפּקע ליגן.
די מאַמע נעמט און לײגט מיך אײַן
צוריק אין מולטער מיט אַ ניגן.

די מולטער איז געװען מײַן װיגל.

דער געזאַלצענער ים

„דער געזאַלצענער ים פון די מענטשישע טרערן"...
פלעגט זינגען די מאַמע און איך פלעג עס הערן.

דאָס ליד ווי אַ ליכטל ביז איצט אין מיר פלעמלט.
נאָר פון אַזאַ ים ניט געוווּסט האָב איך דעמלט.

און וואָס זײַנען טרערן, דאָס האָב איך געוווּסט,
ווײַל ווײנען ניט איין מאָל האָב איך דאָך געמוזט.

פון דאָנען אַ שטויס, און פון דאָרטן אַ שטופּ...
באַשטראָפט כ'בין און זיץ אַ פאַרוויינטער אין שטוב...

נאָר טויזנטער זאַכן עס פלעגן געשען,
פון וועלכע ניט ווײנען געקענט האָב איך דען?

נאָר ווען פון מײַן מאַמען דאָס ליד כ'האָב געהערט,
איז האָבן די אויגן זיך ווידער געטרערט.

און אָט אָ די טרערן זיי זײַנען מיסתּם
געקומען פון יענעם געזאַלצענעם ים...

נאָוועמבער 1981

ערוב־תחומים

איך טראָג דער באָבען דעם סידור אין שול,
ווײַל שבת טאָר זי ניט טראָגן.
די גאַנצע גאַס איז מיט קינדער פול,
שבתדיק אויסגעצוואָגן.
און ווער ווי איך אַ סידור טראָגט,
און ווער — אַ תלית־זעקל טראָגט,
ווײַל קינדער מעגן טראָגן.

נאָך יעדע פּאָר טריט בלײַבט די באָבע שטיין
איבערצוכאַפּן דעם אָטעם.
— איך וואָלט, — זאָגט זי, — טראָגן דעם סידור אַליין,
דעם ערוב, צעריסן מע האָט אים.
אַ מאָל פלעגט אַן ערוב שטיין און שטיין.
און הײַנטיקע צײַטן, כאָטש נעם און וויין...

אין מויל אַ ציגאַרל, דער טשוב אויף אַ זײַט,
די אַרבל ביז העלפט פאַרקאַטשעט,
שטייט פון דער אַלטער שול ניט ווײַט
יאַנקעלע מאַריאַשעס.
און אַלע אין שטעטל זאָגן אויף אים,
אַז ער איז דער רײַסער פון ערוב־תחומים.

מאַרץ 1982

דער שניימענטש

נאָך אַ שנייפאַל באַזונדערס אַ גרויסן —
מיט שניי האָט אונדז גאָט דאָרט געבענטשט, —
מיר פלעגן זיך לאָזן אין דרויסן
צו מאַכן אַ שנייענעם מענטש.

אַריבער די הורבעס מיר שפּרינגען.
ס׳ווערט פול מיט געפּילדער אין גאַס.
די הענטשיקלעך, בלויז מיט איין פינגער,
זיי זײַנען געוואָרן שוין נאַס.

צוויי קויקן, ווי זונען זיי שײַנען,
מיר קײַקלען פון בערגל אַראָפּ.
דער גרויסער אַ קערפּער וועט זײַן אים,
דער קליינער וועט זײַן אים אַ קאָפּ.

אָט ברענג איך נאָר וואַרעמע קוילן —
פון הרובע אַרויסגעשאַרט צוויי.
איך האָב אויף זײַן פּנים דעם הוילן
געמאַכט אים די אויגן פון זיי.

דאָס פּנים גלײַך אויפגעלעבט האָט אים.
דו זע נאָר, וואָס קוקט ער אַזוי ?! —
פאַר שרעק כ׳האָב אַהיים אָן אַן אָטעם
געלאָזן זיך סטראָם האַלאָוואַי.

דעצעמבער 1985

די צײַט

ער איז מיר געווען פון כ׳ווייס ווען באַקאַנט,
דער בלעכענער זייגער בײַ אונדז אויף דער וואַנט,

דער זייגער מיט זײַנע געוויכטן די צוויי.
אַנשטאָט אַ ספּרוזשינע געווען זײַנען זיי.

און תּמיד אויף מיר איז געלעגן די פליכט
באַצײַטנס אַ צי טאָן אַרויף דאָס געוויכט.

ווען בלײַבן אין שטוב פלעג איך איינער אַליין,
אַהין און צוריק פלעג איך אָנהייבן גיין —

פון קיך אין דער סאַליע, פון סאַליע אין קיך, —
איך האָב ניט געוווּסט ווו אַהינצוטאָן זיך.

איך זאָל פונעם זייגער כאָטש הערן אַ קלונג!
טיק־טאַק און טיק־טאַק נאָר בײַ אים אויף דער צונג.

די ציפער פון בלעך און די ווײַזערס פון בלעך.
די צײַט האָט פון אים זיך געצויגן ווי פעך. —

געצויגן, געצויגן, פאַרקראָכן העט ווײַט...
— — — — — — — — — — — —
און איצטער אַנטלויפט זי פון מיר גאָר, די צײַט!

ותערב עליך עתירתנו

אַזוי צונויפליִיגן די פינגער און די הענט
ווי דוד־אריה בעת ער האָט געדוכנט,
האָב איך אין חדר איינער נאָר געקענט.
אַ צווייטן האָט מען גוט באַדאַרפט שוין זוכן.

די תורה האָב איך אויפגעכאַפּט געשווינד
ווען אויף זײַן דוכענען אַ קוק נאָר כ׳האָב געגעבן,
כאָטש זייער שטרענג האָט אונדז פאַרזאָגט דער רבי:
— זעט, קוקט נאָר ניט ווײַל איר וועט ווערן בלינד. —

כ׳בין דעמאָלט אַלט געוועזן אַ יאָר צען
(מיט אַלע פּיטשעווקעס איך טו זיך עס דערמאָנען).
ווײַזט אויס דער נײַגער גרעסער איז געווען
פון יענער שטאַרק־געפערלעכער סכּנה.

און צווייטנס, אויסנווייניק פאַרגעדענקט
כ׳האָב פונעם דוכענען די גאַנצע תּפילה.
איז פלעג איך אויף אַ קול, אַזוי פאַרבענקט,
צעזינגען זיך — ווי שטאַרקער און ווי שטילער.

נאָר איין מאָל האָט דער רבי מיך געפּאַקט
ווי פאַר די יינגלעך אינעם פירהויז כ׳דוכן,
איז האָט ער מיר געגעבן צו פאַרזוכן
אַ פלאַמענדיקן חתימת־יד אין באַק.

פון אויפרעגונג האָט ער זיך אַזש פאַרהוסט
און מיט אַ כריפּענדיקן קול אַזאַ מין
צעשריגן זיך: — ס׳איז עפּעס ניט באַוווּסט
דײַן טאַטנס נאָמען צווישן די כּוהנים...

אַנטשטומט געוואָרן בין איך אויפן שטעל.
צעלאָפן האָבן אַלע זיך ביז איינעם.
און ס׳איז געבליבן שטעקן מיר אין קעל:
ותערב עליך עתירתנו...

וצוונו להניח תפילין

1. ישראַל־זושע

דער פּיצימאַנטשינקער ישראַל־זושע
געווען איז אַ יוצר פון תשמישי־קדושה.

ס׳האָט אויסגעזען אויף אים זײַן באָרד זײַן ווײַסע
ווי אויף אַ שרעטל, וואָס אַרויס איז פון אַ מעשׂה.

עס האָבן האָלט געהאַט דעם יידן גראָדע
ניט אַזוי די פרומע ווי די האָלאַבראָדע.

ער איז געווען אַזוי באַליבט און אייגן!
אַ שטעטל יידן פלעגן זײַנע תפילין לייגן.

קיין בײַשטידל אין שטעטל ניט געבליבן
אָן אַ מזוזה מיט זײַן האַנט געשריבן.

אויף שימחת־תורה פלעגט ער פענדלער מאַכן,
אויף פורים — דריידלער, גראַגערס, און נאָך אַזוינע זאַכן.

און אָן אַ קאָפּקע געלט די קינדערלעך פאַרטיילן,
מיט דעם די איינזאַמקייט די גרויסע היילן.

געווען זײַן שטוב איז ווי אַ פוסטער הלאַדיש —
קיין ווײַב, קיין קינד, קיין רינד, קיין קדיש...

2. בר־מיצווה

צוויי וואָכן אין תּמוז. די פֿייגעלער טרילן
מיט זוניקער יוליקער ליכטיקייט זאַטע.
איך לויף צו סראָל־זושען באַקומען די תּפֿילין,
וואָס צו מײַן בר־מיצווה באַשטעלט האָט דער טאַטע.

כ׳וועל מאָרגן בר־מיצווה! איך האַלט אין איין קלערן
אַוועלכער וועט זײַן דער של־ראָש אויף מײַן שטערן.
דעם טאַטנס של־ראָש איז אויף מיר ווי אַ קעסטל.
(איך האָב זײַן של־יד ניט גענומען שוין מעסטן.)

איך פֿלי צו סראָל־זושען. אָט איז שוין זײַן ליקל.
די הילצערנע שטיבלעך אין ענגשאַפֿט זיך שטיקן.
און אָט אַ פֿאַרסאָפּעטער כ׳בין שוין דערלאָפֿן.
די פֿאָרטקע די קרומע איז הפקרדיק אָפֿן.

און גראָדע זײַן טיר איז פֿאַרהאַקט אויף אַ ריגל,
און איבערן ריגל — פֿון טריוואָקס אַ זיגל.
מען האָט (ס׳איז געווען אין דער גרויסער מהומה)
סראָל־זושען אין מיטן דער נאַכט צוגענומען...

— — — — — — — — — — —

אין אַ פֿאַרבאַהאַלטענעם מנין מיט ייִדן —
פֿיר שוסטערס, דרײַ שנײַדערס, אַ בלעכער, צוויי שמידן,
אַהינטער דער באָד ווו די קראָפּעווע זשאַווערט
מע האָט מײַן בר־מיצווה בשתיקה געפּראַוועט.

דער טאַטע האָט מיר זײַנע תּפֿילין געגעבן
און איך האָב גענומען דעם אָרעם אַנטהילן.
געזאָגט, ווי איך האָב עס געלערנט בײַם רבין:
״וצוונו להניח תּפֿילין״...

פּערדעלעמעסקע

— דו וועסט בײַ מיר טאַנצן פּערדעלעמעסקע ! —
צעשרײַען זיך פּלעגט מיט אַ קול אויף צו וויינען
רב שײַע דעם רויכוואַרגערס פּלוניתטע פּעסקע.
(מיר זײַנען געווען מיט איר נאָענטע שכנים.)
אַכט קינדער געהאַט האָט זי, גרויסע און קליינע.
אַזוי אַז בײַם טיש פּלעגן פּיקערס איר סטײַען.
אַזוי אַז געווען איז אויף וועמען צו שרײַען.

אויף מאָטלען, וואָס האָט זיך צעשלאָגן מיט איטשען —
זיי קײַקלען זיך אונטערן טיש און זיי קוויטשען,
אויף רײַקען און חײַקען, וואָס פּלעגן צוזאַמען
מיט זשאַמען דערנעמען די יאָרן דער מאַמען.
אויף שמערלען, וואָס שלעפּן פּלעגטביילקען בײַם צעפּל,
אויף ביילקען, וואָס זי האָט דערשלונגען אַ קנעפּל,
אויף רייזלען, וואָס איז אויפן אויוון פּאַרקראָכן
און דאָרטן אַ ליימענעם טעפּל צעבראָכן...

און ענדיקנדיק אויף די קינדער צו שרײַען,
אַ נעם טאָן זי פּלעגט זיך צום טאַטן, צו שײַען.
— דו וועסט ביי מיר האָבן ! — פּלעגט דראָען אים פּעסקע, —
דו וועסט בײַ מיר טאַנצן פּערדעלעמעסקע !

איך ווייס וואָס אַ שער איז, אַ דריידל, אַ וואָלער,
פון יידישע טענץ כ׳האָב אַ צעטל אַ גאַנצן.
נאָר פּערדעלעמעסקע ? ! ביז איצטער נאָך זאָל איך
כאָטש האָבן אַן אָנונג ווי דאַרף מען עס טאַנצן !
און גופא דער נאָמען פון טאַנץ איז פון וואַנען ?
איך קלײַב זיך דאָס פרעגן בײַ אונדזער סדנען.

סעפּטעמבער 1982

צי זאָל איך

צי זאָל איך זי אירצן, צי זאָל איך זי דוצן ? —
עס קערט זיך מײַן צונג אינעם מויל ווי אַ ציגל...
אַט האָב איך בײַם שפּיגל גענומען זיך פּוצן,
דעם טשוב אויף אַ זײַט אויסגעלייגט ווי אַ פליגל.
צום ערשטן מאָל אויסבינדן נעם איך אַ שניפּסל.
אויף אַלעמען מאַכט עס אַ רושם אַ היפּשן.

צי זאָל איך זי אירצן, צי זאָל איך זי דוצן ?
דער אָסיען — מײַן שטענדיקער שטימונג־פאַרלעצער,
צו מיר מיט אַ שימחה געקומען איז פּלוצעם.
אַט זיצן מירביידע אין הויף אויף די קלעצער...
צו אונדז האָט געשמייכלט די פולע לבנה...
זי שטייט פאַר מײַן בליק, ווי איך נעם זיך דערמאָנען.

צי זאָל איך זי דוצן, צי זאָל איך זי אירצן ?
...מײַן וועג האָט געצויגן זיך לאַנג אויפן צפון, —
מיר האָט ניט געלונגען דעם וועג צו פאַרקירצן.
אוי גאָט מײַנער, ווי ס'איז די צײַט דורכגעלאָפן !
אַזוי ווי... מיט וועלכן פאַרגלײַך זיך באַנוצן ?
צי זאָל איך זי אירצן, צי זאָל איך זי דוצן ?...

נאָוועמבער 1981

די טיר סקריפּעט

אין שטוב אַנומלטן בײַ מיר
האָט צעסקריפּעט זיך די טיר.

געדאַרפט כ׳האָב נעמען עטוואָס דיאָד
און באַשמירן די שאַרנירן,
נאָר ס׳איז געוואָרן מיר אַ שאָד
דעם דאָזיקן געסקריפּ פאַרלירן...

אַ חלום האָט אין יענער נאַכט
צוריק די קינדהייט מיר געבראַכט
מיט יענער דרויסנדיקער טיר,
בײַ וועלכער ס׳האָט דער ווינט געבליפּעט,

וואָס האָט די גאַנצע צײַט געסקריפּעט,
ווען כ׳פלעג אַרײַן־אַרויס דורך איר,
אַ הײַב טאָנדיק די הויכע קליאַמקע —
ווען איך האָב נאָך געהייסן זיאַמקע.

בײַם פֿענצטער

מײַן אָטעם האָט פֿאַרהויכט די שויב,
דורך װעלכער כ'האָב געקוקט אין דרויסן.
כ'דערזע די גאַס װי דורך אַ שטויב
פֿון מידבר־זאַמד אויף דין צעשטויסן.

אַ פֿלעק אַ בלאַסער איז אַ בוים,
אַ בלינדער קאַסטן איז אַ מויער.
דער הימל אין אַ גרויען שוים.
זאָל זײַן אַ פֿאַסיק כאָטש אַ בלויער!

אויף אַלץ װאָס קלײן איז און װאָס גרויס
האָט זיך אַרויפֿגערוקט אַ שאָטן.
און אַלע מענטשן זעען אויס
גלײַך װי פֿון טײג צונויפֿגעקנאָטן.

אין אָט אַ דעם צונויפֿגעמיש
די פֿאַרב, די פֿאָרעם איז פֿאַרלאָרן...

די שויב כ'טו מיט דער האַנט אַ װיש —
די װעלט איז װידער װעלט געװאָרן.

מאַרץ 1984

אַ הענדל אויפֿן דאַך

איך האָב זיך פֿאַרבענקט, ניט אויף קיין וויץ,
נאָר אַ דאַך מיט אַ קוימען אין מיטן
און אויפֿן פֿראָנטאָן, אויפֿן סאַמע שפּיץ —
אַ הענדל פֿון בלעך אויסגעשניטן.

און אונטערן דאַך אַ בוידעם זאָל זײַן
מיט אַ פֿענצטערל צו דעם גאָרטן,
דורך וועלכן ס'זאָל פֿאַלן פֿון בוידעם די שײַן
אויפֿן גרעט, וואָס צעהאַנגען איז דאָרטן,

און אונטער דעם בוידעם — אַ פּשוטע שטוב,
אַ פֿענצטער אין שאָטן פֿון בלעטער,
פֿון רונדע קלעצער זײַן זאָל דער סרוב,
די סטעליע — פֿון ברייטע ברעטער.

אַ לאָמפּ פֿון דער סטעליע אַראָפּהענגען זאָל
איבער אַ טיש אַ געראַמען,
און זיצן איך זאָל בײַ דעם טיש ווי אַ מאָל
און טוליען זיך צו דער מאַמען.

די מאַמע מיך שיקט אין דעם פּאָדפּאָל אַראָפּ
אָננעמען כ'זאָל פֿונעם פּעסל
געזײַערטע קרויט אינעם ליימענעם טאָפּ,
ווײַל צײַט איז שוין וועטשערע עסן.

אויף דער צעראַטע מיט שפּורן פון טינט
האָט דער סאַמאָוואַר זיך צעטענהט.
...ווו זײַנען די שוועסטערלעך מײַנע אַצינד,
ווו זײַנען די ברידערלעך מײַנע ?!

אַט זע איך דעם מאָזירער שטויביקן שליאַר,
ווו האַרט בײַ זײַן ראַנד איז געווען דאָ
אַ גאָרטן, אַ שטוב מיט אַ גאָנטענעם דאַך
און אויבן — פון בלעך אַ הענדל.

יולי 1980

מיט פאַרפרעסטע ציין

זײַן שטוב האָט דער שׂונא פאַרברענט.
געבליבן דער קוימען בלויז שטאַרצן.
ער האָט ניט געבראָכן די הענט
און האָט ניט געכאַפּט זיך בײַם האַרצן.

די ציינער פאַרפרעסן מען מוז,
אויב דו ביסט אַרויס מיטן לעבן.
אים האָט זיך אין אַשיקן גרוז
געפינען די האַק אײַנגעגעבן.

אַ האַקשטיל פאַרעקשנט געשניצט
האָט ער מיט אַ פשוטן מעסער.
די שאַרף פון דער האַק האָט געבליצט,
ווען ער האָט גענומען צעהיצט
די ערשטיקע ברוונע טעסען.

די מזוזה

מיר זײַנען אין אָנגריף אַריבער דעם סטיר —
אַ טײַך אויף דער ערד דער וואָלינער.
געווען זײַנען שטעטלעך אָט דאָ און אַ שיער.
גיי פּרוּוו איצט אַ שטעטל געפינען. —
רוּינען,
רוּינען,
רוּינען...

אַ מענטשן זאָלסט ערגעץ באַגעגענען דאָ,
אַ פענצטער זאָל ערגעץ דיר ווינקען,
ס'איז קיינער ניטאָ און ס'איז גאָרניט ניטאָ.
דערפילט כ'האָב דעם רויך פון טרעבלינקע.

דרײַ יאָר ווי איך בין ניט געווען אין דער היים,
דרײַ יאָר ווי דער משחית אַראָפּ איז.
צעקרישלטע ציגל, פאַרשטיינערטער ליים,
צעגראָבן די ערד אין אָקאָפּעס.

דער פינצטערער חורבן כאַפּט אָן דיך בײַם האַרץ.
מע קען עס ניט גלײַכגילטיק צוזען.
כ'דערזע, פון אַ קופּע אַ בײַשטידל שטאַרצט —
אַ בײַשטידל מיט אַ מזוזה.

איר היימישקייט האָט מײַן פאַרבענקטקייט געשטילט.
ווי גוט וואָס זי איז ניט פאַרשאָטן !
אַ פײַכטקייט האָב איך אין די אויגן דערפילט. —
נאָר זעלנער איז וויינען פאַרבאָטן.

ווי לאָזט מען אַליין די מזוזה ביַים סטיר !
איך האָב זי פון האָלץ אָפּגענאָגלט.
נאָך לאַנג אין מײַן רוקזאַק איז זי אָן אַ טיר
געוועזן, געוואָגלט צוזאַמען מיט מיר,
דורך רויך און דורך פײַער געוואָגלט.

נאָר עפּעס אַ פֿויגל

די זון האָט פֿאַרקײַקלט זיך הינטערן וואַלד.
דער הימל — מיט רויטקייט פֿאַרצויגן.
און ס'האָבן די פֿייגלען, באַרויִקטע, באַלד
זיך איבער די נעסטן צעפֿלויגן...

די שטילקייט אַראָפּ איז. אַ טראָט נאָך אַ טראָט
אויף ביימערשע קרוינען געטראָטן.
נאָר עפּעס אַ פֿויגל צעשריגן זיך האָט
פֿון אונטער אַ צווײַג אין דעם שאָטן...

פון דער מלחמה

פיר יאָר בין איך געווען אין קריג,
פיר יאָר אין דער מהומה.
איך האָב זיך אומגעקערט צוריק,
און ער איז ניט געקומען...

דעם טויט ניט איין מאָל כ׳האָב געזען
בײַ וויאַזמע, בײַ איהומען,
בײַם סטיר פאַרווונדעט כ׳בין געווען,
נאָר כ׳בין צו זיך געקומען.

און ווײַטער כ׳בין אַוועק אַהין,
וווּ ניט קיין בינען זשומען.
דערגאַנגען בין איך ביז בערלין.
נאָר ער איז ניט געקומען...

דער אַש אויף די רויִנען — גראָו,
אין בלוט — דער סטעפּ מיט בלומען.
ער איז געפאַלן בײַ ראָסטאָוו,
ער וועט שוין מער ניט קומען...

די נעסט

צום אָנדענק פון מיין יוגנט־חבר
דעם שרייבער עלי קאַהאַן.

דער נאָכמלחמהדיקער שליאַך האָט מיך געבראַכט
אַהער צום וואַלד, אַוווּ געוועזן איז די שלאַכט...

ווי נאָר אַריַינגעגאַנגען כ׳בין אין וואַלד,
האָב איך דערזען עס וואַלגערט זיך אַ נעסט.
כ׳האָב פון דעם מאָך זי אויפגעהויבן באַלד,
נאָר וויַיטער האָב איך ניט געקאָנט שוין גיין.
די פלייצע צו אַ יאָדלע צוגעפרעסט —
און אָט אַזוי בין איך געבליבן שטיין.

ווען ס׳גייט אַדורך אין וואַלד אַ שטורעמווינט,
איז ניט נאָר נעסטן פון די ביימער פאַלן —
אַליין די ביימער פאַלן מיט אַ קנאַלן.
...אַ קאַנאָנאַדע האָט געטרייסלט דאָ די ערד.
צו אונדז דער גורל ניט געווען איז לינד.
דער וואַלד האָט צום "מלחמה־פּאַס" געהערט.

כ׳נעם פון דער נעסט די אויגן ניט אַראָפּ.
אַזאַ מין שווערקייט אויפן האַרצן דריקט!
איך האָב דערזען דעם פּעכיק־שוואַרצן קאָפּ
פון עלינקען, ווי רופן אים מע פלעגט.
ער איז בײַם וואַלד דאָ מיט אַ צײַט צוריק
געפאַלן און זיך מער ניט אויפגעוועקט...

ס׳איז אפשר אין דער נעסט פאַרפלאָכטן גאָר
אַ קרויזעלע פון זײַנע שוואַרצע האָר...

עלינקע

ניט אַזוי די פולע כּוסע
בײַ דעם טיש מײַנעם דעם רונדן,
ווי די ברודערשאַפט די גרויסע,
וואָס אונדז ביידן האָט פאַרבונדן.

אין דער גזלאַוואָיסקער תּקופה
פון די פאַרמלחמה־יאָרן
איז דער י״ש געווען אַ תּרופה
צו דערטרינקען אונדזער צאָרן.

אוי ווי ס׳איז געווען כּמאַריק!
יעדער טאָג — אַ יזכּור־דאַטע.
ניט געוואָרן איזי כּאַריק,
משה קולבאַקן געפּאַטערט,

זעליק אַקסעלראָד ניטאָ מער —
אומגעבראַכט די שרײַבער־עדה...
איך און עליע קאַהאַן, ביידע
לאָזן זיך אויף דער מלחמה.

— — — — — — — — — — —

אויפן טיש אַ מירטנצווײַגל
אין אַ בראָנפנפלאַש מיט וואַסער.
כ׳זיץ אין בענקענדיקן שווײַגן
אויף מײַן זוניקער טעראַסע.

קיין מאָל קיין ירושלים,
וווּ עס איז מײַן היים געוואָרן,
וועט צו מיר אויף אַ לחיים
עלינקע שווין ניט פֿאַרפֿאָרן...

פֿעברואַר 1985

דער סטאַדיאָן

עס קאָכט ווי אַ קעסלגרוב דער סטאַדיאָן,
באַוואַכט פון אַ שטרענגער שמירה.
צו דער ערשטער שפּיל וואָס הייבט זיך באַלד אָן
איז געקומען אַליין דער פירער.

אַ קלייניקייט עפּעס, דער פירער אַליין! —
אַ זאַך אַזאַ אומגעהערטע!
און אַלע ווי איינער, סײַ גרויס און סײַ קליין,
שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער.

דער עולם ער גייט פון די כלים אַרויס.
די לופט האָט אַ וויג זיך געגעבן,
גענומען האָט שרײַען סײַ קליין און סײַ גרויס:
— זאָל לעבן! — זאָל לעבן! — זאָל לעבן!...

און ער איז געשטאַנען — אַ מין מאָנומענט,
קוים־קוים מיט דער האַנט געפּאַכעט.
דאָס לאַנד איז געלעגן בײַ אים אין די הענט,
בײַ אים אין די הענט — די עפּאָכע.

געטאָן האָט ער אַלץ וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, —
ער איז פאַר דעם פאָלק דאָך אַ טאַטע! —
וועמען געקעפּט, און וועמען באַגאָלדט,
און וועמען — אַהינטער די קראַטעס...

די — מקרב געווען צום טראָן,
פון יענע געוואָרן פטור,
פאַרוואָלט האָט ער אויסבויען אַ סטאַדיאָן, —
איז, נאָט אײַך, אים אויסגעבויט האָט ער.

אַזאַ סטאַדיאָן ניט געזען האָט די וועלט!
פון מאַרמאָר די בענק און די זײַלן.
ניט וויכטיק, וואָס ברויט האָט דעם פאָלק געפעלט,
ס'איז וויכטיק דאָס פאָלק פאַרווײַלן.

"פערזענלעך דער פירער פאַרליבט איז אין ספּאָרט.
באַזונדערס פוטבאָל טוט ער ליבן." —
אַזוי האָבן בלעטער געשריבן,
און ס'מאַכט ניט אויס וואָס אַ הייליק אָרט
איז פאַר דעם סטאַדיאָן אויסגעקליבן.

דער סאַמע באַרימטער אין לאַנד אַרכיטעקט,
וואָס האָט אין די טורמעס פיל יאָרן געשטעקט
און ממש מיט בלוט שוין געשפּיגן,
פאַר דעם סטאַדיאָן האָט געמאַכט דעם פּראָיעקט.
און אַרבעטסהענט האָבן דאָך שטענדיק געקלעקט,
ווײַל זיי פון די לאַגערן נעמען מע פלעגט.
(דאָס האָבן די בלעטער פאַרשוויגן...).

...און אָט איז דער עולם געוואָרן שטיל,
ווײַל וויפל דער שיר איז צו שרײַען?
און עס האָט זיך אָנגעהויבן די שפּיל
אויף דעם סטאַדיאָן דעם נײַעם.

עס לויפן אַרויס אויפן שפּילפּעלד געשיקט
אין קורצינקע פּלודערלעך יונגען.
דער עולם דעם אָטעם אין זיך האָט פאַרשטיקט
און זיי מיט די אויגן געשלונגען.

אַ פייַף — און עס פליט אין דער לופטן דער באָל...
ביַים טויער אים כאַפּט דער גאָלקיפּער.
...דערהערט אַ געיאָמער זיך האָט מיט אַ מאָל
פון אונטער דער ערד, פון פאַרשאָטענעם טאָל,
ווי ביַי מזכיר־נשמות יום־כּיפּור.

אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דאָס יאָמערן ווערט.
דער עולם דערשרעקט זיך צום שטאַרבן.
אַרויסגערוקט האָט זיך אַ קאָפּ פון דער ערד
מיט אַ דורכגעשאָסענעם שאַרבן,

און אויף דעם סטאַדיאָן וואָס אויף בלוט איז געשטעלט,
פאַרביַי דער פאַרבליפּטער שמירה
געלאָזן זיך קיַיקלען איבערן פעלד,
אַהין וווּ עס זיצט דער פירער...

פיר און זיבן

אַ ליד כ׳האָב אָנגעטראָפן
אין טישקעסטל בײַ מיר —
פיר־שורהדיקע סטראָפן
און סטראָפעס אויבעט פיר.

ס׳איז שטאַרק צעקנייטשט געווען
דאָס בייגעלע פּאַפּיר.
איך האָב דאָס ליד געלעזן —
אוי וויי און ווינד איז מיר! —

דאָרט איז געווען געשריבן:
„עס קלאַפּן אָן אין טיר
צו מיר אַ מענטשן זיבן,
פאַר טאָג, אַ זייגער פיר.

זיי האָבן זיך געגראָבן
אין טיש און ווו נאָר ניט,
און צוגענומען האָבן
דעם דיכטער און זײַן ליד.״

דאָרט אין קעלער

לוביאַנקע... אויסמײַדן דעם מויער
קענסט ניט, לײדער, —
ווי זאָלסט ניט גײן,
איז וואַקסט ער אויס כּסדר.
דו פּילסט ווי יעדער טראָט דײַנער
טוט ווײ דיר.

און ניט אַזוי דער מויער,
ווי זײַן קעלער.
דו שרויפּסט זיך אײַן,
ווילסט ווערן קלענער, שמעלער,
און אײלסט אַלײן זיך אונטער:
— שנעלער! שנעלער!...

דאָרט, אינעם קעלער
אַ לעבן האָט די ווערט אַ גראָשן.
דאָרט, אינעם קעלער
האָט מען זײ צעשאָסן...

דער שוואַרצער גריף

אין בלענדיק־בלויען הימלטיף
דאָרט קרײַזט שוין לאַנג אַ שוואַרצער גריף.

ווי פּאַראַסאָלן האָט ער ברייט
די פליגלען זײַנע אויסגעשפּרייט.

דעם הוילן קאָפּ — אַראָפּ אַ בויג —
ער לאָזט מיך ניט אַרויס פון אויג.

זײַן שוואַרצער הונגעריקער בליק
מיך טרײַבט און האַלט ווי אויף אַ שטריק.

וואָלט זײַן אַ קוסט, אַ שטיקל טאָל,
ווו זיך פאַרטײַען דאָרטן כ׳זאָל...

מע זעט מיך אָן כאָטש שטיי, כאָטש ליג,
ווי אויף אַ שפּיגלפלאַך אַ פליג.

און איבער מיר אין הימלטיף
אַלץ קרײַזט און קרײַזט דער שוואַרצער גריף...

דער קנופּ

דער שטריק ווי פֿון אײַזן.
איך צופּ אים און צופּ.
צעקניפּן באַווײַזן
איך זאָל נאָר דעם קנופּ...

איך רײַס מיט די נעגל,
איך בײַס מיט די ציין —
מיט אַלערליי וועגן
איך פּרוּוו זיך, נאָר ניין!

אין קנופּ איז מײַן ווייטיק
פֿאַרקנוילט און פֿאַרבאַקט.
צעהאַקן איז נייטיק
דעם קנופּ מיט אַ האַק.

אויגוסט 1980

די דאַטע

פאַרגעדענקט למען־השם די דאַטע.
ווער עס ווייסט ניט פון דער דאַטע, זאָגט אים.
ווער עס האָט פאַרגעסן זי, דערמאָנט אים.
ווער עס וויל ניט פון דער דאַטע וויסן,
צווינגט אים ער זאָל וויסן!

אויף די גאַסן דאַרף מען שרײַען פון דער דאַטע,
אין די בתי־כּנסת צו דער דאַטע
קדיש זאָלן זאָגן די מתפּללים.
זאָלן זיך צעהודיען צו דער דאַטע
אויף די העכסטע טענער די סירענעס!
קברים רײַסן דאַרף מען צו דער דאַטע! —
צוועלפטן אויגוסט נײַנצן צוויי און פופציק
דער געשטופּלטער רוצח פונעם קרעמל
האָט די שרײַבערס אונדזערע דערמאָרדעט...

בײַם שרײַבטיש

אין מײַן שרײַבטיש, אין די שופלאָדן די זיבן —
זיך האָבן פֿודן מאַנוסקריפּטן אָנגעקליבן.

אָנגעשטאָפּטע זײַנען זיי מסוכּן —
ניט אַרויסצורוקן, ניט צוריק פֿאַררוקן.

אויבן זײַנען גאַנצע באַריקאַדן
מיט ערשט אויסגעענדיקטע כּתב־ידן.

ס'קומען צו מיט יעדן טאָג אַלץ נײַע
און דער יאָר אויף אים איז אין־לשער.

קאָן איך עפּעס טאָן פֿאַר אים? ווער קאָן עס!
ס'איז אויף אים אַ ביטערער רחמנות...

— אויכעט מיר אַ שרײַבער! — טראַכט ער זיכער, —
קאָן ניט פֿון זײַן כּתיבה מאַכן ביכער...

אָבער פֿאָרט, ווי גיט מען זיך אַן עצה? —
לייג איך נאָך אַ ליד אַוועק אים אויף דער פּלייצע.

אונדזער אַלף־בית

אין אונדזער אַלף־בית
מיט זײַנע אותיות די פּירקאַנטיקע
אַן אות זאָל זיך געפינען
אַ גרויסהאַנטיקער!

פאַר אונדזער אַלף־בית
מיר אַלע זײַנען גלײַכבאַרעכטיקטע —
סײַ קליינע מענטשעלער,
און סײַ אַלמעכטיקע.

אַפילו גאָט,
וואָס זײַנע אונטערטאַנערס בלײַבן מיר,
מיט אַן אות אַ קליינהאַנטיקן
שרײַבן מיר.

אַזאַ מין דעמאָקראַטישער
איז אונדזער אַלף־בית. —
פאַרהיט אים דו, אַלמעכטיקער,
פון אַל דאָס בייז!

מאַרץ 1986

דער ייִדישער דיכטער

עס איז אַרײַן צו אונדז אין דער חברותא
פון דיכטערס ייִדישע און ייִדן לויטן שטאַם
אַ רוסיש ייִנגל סאַשאַ בעלאָוסאָוו
פון קױבישעוו דער שטאָט. ער האָט אויף ייִדיש
געשריבן לידער ניט אַזוי זיך סתּם.

ניט צו באַשרײַבן איז געווען מײַן חידוש.
איך האָב אים תּיכּף אויסגעשטרעקט די האַנט.
ווי קומט צו אים אַזאַ מין גוטער ייִדיש,
אַזאַ מין חוש פאַר אונדזער מאַמע־לשון?!
צו אונדז איז צוגעקומען אַ טאַלאַנט.

זײַן שורה איז געווען ניט אויסגעדראָשן.
אָט האָט זי דיך געקילט, און אָט געברית.
ווי ייִדיש וואָלט געווען זײַן מאַמע־לשון,
אַרויסגעזונגען האָט פון זײַנע ביינער
נאָך פון די ערשטע דיכטערישע טריט.

ער האָט פאַרשטאַנען דעמאָלט נאָך ווי קיינער,
ווי נאָר ער איז אויף אָט דעם וועג אַוועק,
אַז קאָסטן וועט עס אים דעם מאַרך פון ביינער.
ניט אָפּגעטראָטן אָבער פאָרט דער רוס איז
פון זײַן ניט גרינגען גורלדיקן וועג.

ער איז אַרײַן צו אונדז אין דער חברותא
נאָך אונדזער גרויסן בראָך. הײַנט גיי פֿאַרשטיי! —
דער דיכטער אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו,
וואָס טיילט מיט אונדז דעם מוט און אויך דעם וויי,
ער איז דער ייִדישסטער פּאָעט דאָרט צווישן זיי.

דעצעמבער 1986

אַ צײַט אַזאַ

די טערמיטן בויען זייערע טערמיטניקעס ביז
פופצן מעטער די הייך. ברעם.

עס האָבן אונדז געגעבן אַ פּריטשמעליע
די אומגעהײַער הויכע וואָלקן־קראַצערס.
וואָס העכער אויף די שטאָקן אונדזער פּלאַץ איז,
אַלץ נידעריקער אויפן קאָפּ די סטעליע.

זי דריקט ווי אַ געוויכט אויף די געהירן.
עס נעמען שווינדערלעכע פּאַרגעפילן לאָקן, —
צי שוין זשע וועלן אונדז די הויכע שטאָקן
צוריק אַראָפּ אין שוואַרצע היילן פירן?

געביטן האָט זיך פון דער וועלט דער אויסזען,
נאָר אונדז צום גוטן האָט עס ניט געביטן.
די מענטשן, ווי די בײַסיקע טערמיטן,
אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ זיי פויזען...

נאָר בײַ די אויסטערלישע מערעשקעס די ווײַסע,
וואָס זיי, ווי מיר, אין "וואָלקן־קראַצערס" לעבן,
ווען איינע וואָלט אַ ביס דער צווייטער געבן,
וואָלט עס געווען אַן אומדערהערטע מעשׂה.

זיי וויסן נאָר פון אַנגעשטרענגטער פּראַצע,
און איינע פאַר דער צווייטער שטאַרק זיך האַלטן.
מיר לעבן אין אַ צײַט פון וואָלקן־קראַצערס
און פון זייער נידעריקע באַלקנס.

די קאַפּעליע

מיט דער קאַפּעליע האָט געררוישט די גאַנצע וועלט.
אַך ווי זי האָט געבאָדן זיך אין רום!
און איצט דעם פידעלע דער אָטעם האָט פאַרפעלט,
דער באַס, ער טוט אַ הייזעריקן ברום...

פאַרלאָרן ווערט די שטים פון פייפיאַל
אין דעם געטומל, ווי אַ נאָדל אין אַ סטויג.
עס לאָזט אַרויס די טרויב אַ רויען קול
און נאָר דער פויק טוט זיינס: ער פויקט און פויקט.

און אַנדערער איז גאָר דער דיריגענט.
ווו איז דער אימפּעט זיינער מיטן גאַנצן קנאַק?!
עס פּאַכן פוסטע אַרבל, ניט קיין הענט.
ווי אַ סטראַשידלע איז ער אינעם פראַק...

ס'געלינגט אים ניט, אים העלפט שוין ניט זיין מי,
פון לייטמאָטיוו אַרויסציען דעם שנור.
די נאָטן זיינען סיידנס גאָר ניט די,
ניט די איז אפשר גאָר די פּאַרטיטור?

און ווו איז ער, דער עולם וואָס אַהער
ער פלעגט אַראָפּקומען געניסן פון מוזיק? —
זיך אָנגעהערט, גענוג! מע וויל ניט מער!
און גראַדע ווער עס האָט ניט קיין געהער,
דער האָט אַליין אַ פידל מיט אַ סמיק.

בלעטערפֿאַל

איר האָט זיך צוגעקוקט אַ מאָל
ווי ס׳פֿאַלן פֿון אַ בוים די בלעטער?
זיי פֿאַלן אָפּ ניט מיט אַ מאָל —
ווער פֿריִער, ווער אַ ביסל שפּעטער.

די איַינגעשפּאַרטערע פֿון זיי,
אויך דעמאָלט ווען די ווינטן שטיַיגן,
זיך האַלטן ביזן סאַמע שניי
אויף די פֿאַרשטאַרטע הוילע צווייַגן.

נאָר ס׳קומט אַ טאָג ווען מיד און מאַט
זיי פֿאַלן אויפֿן בלעטער־צווינטער.
און ס׳קוקט פֿון בוים אויף זיי אַ בלאַט,
וואָס איז געבליבן דאָרט אויף ווינטער.

פֿעברואַר 1982

פליִען עראָפּלאַנען

פליִען עראָפּלאַנען, פליִען —
דער אַהער און דער אַהין.
זאָל כאָטש איינער זיך באַמיִען
מיך אַראָפּברענגען קיין ווין.
זאָל כאָטש איינער זיך באַמיִען
מיך אַראָפּרענגען קיין ווין.

עראָפּלאַנען, עראָפּלאַנען!
וויַיזט אַרויס אַ קאָפּל גנאָד.
כ׳שטאַרב אַוועקפליען פון דאַנען —
ס׳ליגט דער וועג דורך ווין קיין לוד.
כ׳שטאַרב אַוועקפליִען פון דאַנען,
ס׳ליגט דער וועג דורך ווין קיין לוד.

וועגן לופטיקע, איר וועגן
אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג!
כ׳האָב געוואָלט איַיך עפּעס פרעגן:
ווער האָט מיר פאַרמאַכט דעם וועג?
כ׳האָב געוואָלט איַיך עפּעס פרעגן:
ווער האָט מיר פאַרמאַכט דעם וועג?

ציִען שוואַרצע וואָלקנס, ציִען,
דער אַהין און דער אַהער.
אוי, זיי לאָזן מיך ניט פליען,
אוי, איך קען שוין דאָ ניט מער!
אוי, זיי לאָזן מיך ניט פליִען,
אוי, איך קען שוין דאָ ניט מער!

דער וועג פונעם פויגל

איך וויל מער ניט זײַן דאָרטן,
זיך לאָזן באַרויבן!
איך לויף צו דעם ווײַנגאָרטן
ווו עס רײַפן די טרויבן.

דער וועג איז צעפּאַלדעוועט.
איך יאָג ווי אַ וויכער...
פון הינטן מע גוואַלדעוועט:
„קער אומעט זיך גיכער!" —

אַ קלאָגן, אַ ליאַרעמעו,
אַז איך בין פאַרלוירן,
אַז איך זאָל זיך דערבאַרעמען
אויף מײַן אייגענעם גורל...

און האַרט בײַ די זײַטן —
עלעקטרישע דראָטן.
אַ צייכן פון ווײַטן:
„דער וועג איז פאַרבאָטן!"

איין וועג קאָן מיר טויגן,
ער איז ניט פאַרזיגלט —
דער וועג פונעם פויגל,
וועלכן ס'טראָגן די פליגל...

אין דער וואָכן

ס׳אַראַ יום־טובדיקער הימל
איבער אונדז דאָ אין דער וואָכן!
אין אַזאַ מין שיינעם הימל
דאַרפֿן אומשוועבן מלאָכים

און מלאָכימדיקע קינדער
מיט די קנײַעלעך די רונדע...
זײַנען מיר אין גאַנצן בלינדע
וואָס מיר זעען ניט דעם וווּנדער?

אינהאַלט:

דער קשיש	7
ביים כּנרת	9
פּייזאַזש	10
אין עין־גדי	11
לויטן לוח	13
ווי ניט ביי קיינעם	14
פּאַר נאַכט אויף אונדזער גאַס	15
תּירס	17
עס טאָגט	18
אַלטע זאַ־כין	19
דער גדודניק	20
אויף אַזעלכע וועגן פלעגן	22
דער ווערטוט	23
ווייט פון דאַנען	25
יום־כּיפּור־מלחמה	27
איך האָב ניט געשטורעמט	28
ס'איז שטיל געוואָרן אין גליל	29
צו איינעם אַ פריינד	30
ניט דערוואַרט זיך	32
אויף דער קני	34
אַך	36
חיים גראַדע	37
די לעגענדע וועגן דעם ציפּרעסבוים	38
זיי זיינען אַנגעלייגט ביי מיר	39
אַ צופאַל	41
קליאַטשע	42
מיטן קאָפּ צו מעקאַ	44
דער עטיאָפּישער ייִד	45
צו דעם בושל	46
פאַרפרעמדט	47
זכרון	48
ווי כ'האָב אַ לעבן	49
די צורה	50
עס פעלט מיר דער ווינטער	53
היימלאַנד	55
עס וויינט מיין האַרץ	57
ווי אַ גרעזל	58
דער פּיקהאָלץ	59
די פּאַן	60
ווי איך בין אַ מענטש	62
אין מיטן	63
דו זאָג מיר נאָר	64
אויף דער עלטער	65
פאַרגיב	66
פרייד	67
מיין פאַרמעגן	68
און דאָס איז אַלץ	69
מיין קאַדענץ	70
די סאָסנע	72
די מולטער	73
דער געזאַלצענער ים	75
ערוב־תּחומים	76
דער שניימענטש	77
די צייט	78
ותערב עליך עתירתנו	79
וצוונו להניח תּפילין	81
פערדעלעמעסקע	83
צי זאָל איך	84
די טיר סקריפּעט	85
ביים פענצטער	86
אַ הענדל אויפן דאַך	87
מיט פאַרפרעסטע ציין	89
די מזוזה	90

נאָר עפעס אַ פויגל 92
פון דער דער מלחמה 93
די נעסט 94
עלינקע 95
דער סטאַדיאָן 97
פיר און זיבן 100
דאָרט אין קעלער 101
דער שוואַרצער גריף 102
דער קנופ 103
די דאַטע 104
ביים שרייבטיש 105
אונדזער אַלף־בית 106
דער יידישער דיכטער 107
אַ צייט אַזאַ 109
די קאַפעליע 110
בלעטערפאַל 111
פליען עראָפלאַנען 112
דער וועג פונעם פויגל 113
אין דער וואָכן 114

ביכער פון זעלבן מחבר

דערשינען אין ראַטן־פאַרבאַנד:

אויף מײַן אייגענער ערד, ביעלגאָסיזדאַט, מינסק, 1939

לידער און פּאָעמען, בעלגאָסיזדאַט, מינסק, 1941

אויף דער ליכטיקער וועלט, עמעס־פאַרלאַג, מאָסקווע, 1948

אויף מײַנע אַבריײַעס, סאָוועטסקי פּיסאַטעל, מאָסקווע, 1968

ביכער אין רוסישער איבערזעצונג:

זשיוויע קאָרני, סאָוועטסקי פּיסאַטעל, מאָסקווע, 1957

בליזקאָ סיערדצו, סאָוועטסקי פּיסאַטעל, מאָסקווע, 1965

פּינעף קינדערביכלער, דעטגיז, זעכציקער יאָרן.

דערשינען אין ישראל:

געוויין פון זכרון, פּרץ־פאַרלאַג, ת״א, 1972

קמץ־אַלף־אָ, פּרץ־פאַרלאַג, ת״א, 1980